YIDDISH BOOK CENTER NEWSPAPERS COLLECTION
NUMBER KC5780-185mfv04i13

GERECHTIGKEIT (YIDDISH JUSTICE)

Volume 4 Issue 13
March 1922

THE KHEEL CENTER FOR LABOR-MANAGEMENT
DOCUMENTATION AND ARCHIVES
CORNELL UNIVERSITY LIBRARY

YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

This collection was made possible with the support of
Abby Joseph Cohen and David M. Cohen.

Gerechtigkeit (Vol. 4, Iss. 13)

Keywords
International Ladies' Garment Workers' Union, ILGWU, Gerechtigkeit, labor unions, clothing workers, textile workers, garment workers, garment industry, New York, United States, Yiddish, Jewish

Comments
Justice was the official publication of the International Ladies' Garment Workers' Union ILGWU from 1919 to 1995. Editions of *Justice* were published in English, Italian, Spanish, and Yiddish. When compared side by side, the content of some of these different editions of *Justice* shows significant differences. *Gerechtigkeit* was the Yiddish-language edition of *Justice*.

This article is available at DigitalCommons@ILR: https://digitalcommons.ilr.cornell.edu/gerechtigkeit/297

GERECHTIGKEIT—(JUSTICE)

בצדקתי החזקתי
ולא ארפה.
(איוב כ"ז, ו)

אן מיין גערעכטיג-
קייט האלט איך זיך
שטארק, און וועל
איהר ניט אפלאזען

גערעכטיגקייט

ארבייטער פון אלע
לענדער, פאראיי-
ניגט אייך, און די
וועלט וועט זיין
אייערע!

אפיציעלער ארגאן פון דער אינטערנעשאנאל ליידיס גארמענט וואירקערס יוניאן

Vol. IV. No. 13. | New York, Friday, March 31, 1922. | פרייטאג, דעם 31טען מארטש, 1922. | PRICE 3 CENTS

קלאוק־מאנופעקטשורערס גרייטען זיך צו א נייער מלחמה מיט דער יוניאן

דער מיליאן דאלאר פארטיידיגונגס־פאנד מוז וואס גיכער געשאפען ווערען!

וואס נעהנטער עס רוקט זיך אונטער דער נעקסטער מאנאט דזשון, אלץ אומ-באשטימטער ווערט די לאגע אין דער קלאוק אינדוסטריע פון ניו יארק.

איינס איז זיכער. אין לאגער פון די קלאוק מאנופעקטשורערס רודערט זיך גאנץ שטארק, עס טומעלט זיך שוין באַ-ציימענס.

לויט ווי מען קאן זעהן פון די טרייד־ציימונגען, וואס שפרעכען אויס, מעהר אדער וועניגער, דעם סענטימענט פון די קלאוק־מאנופעקטשורערס, זיינען דערווייל די באלעבאטים צווישען זיך נאך ניט גאר איינייג אין באצוג א נייער מלחמה מיט דער יוניאן. לויט די ציימונגען, זיינען דא ביי זיי צוויי ריכטונגען. איין ריכטונג, ווי עס הייסט, שטעהט פאר א נייעם קאמף מיט דער יוניאן, און זיי רעדען וועגען אין גאנצען אויפגעבען דעם „לייבאר דעפארטמענט" פון דער פראַ-טעקטיוו אסס'ן, און די צווייטע ריכטונג איז נאך ניט גרייט צו געהן אזוי ווייט. וועלכע ריכטונג עס וועט דארט גובר זיין קאן מען זיך לייכט אנשטויסען!

די פראטעקטיוו אסס'ן האלט דער-ווייל אפ מיטינגען, וואס מען זאגט, אז דאס זיינען „קריגס־בעראטונגען". דעם דינסטאג אווענד האט געמיט די עקזע-קוטיווע פון דער פראטעקטיוו אסס'ן, וואו עס איז דיסקוטירט געווארען די קלאוק־סיטואציע, וואו עס זיינען באַ-שפראכען געווארען פלענער וואס צו טאן נאכ'ן 1טען דזשון, ווען עס וועט אויס-געהן דער איצטיגער אגרימענט אין דעם טרייד, וואס די יוניאן האט זיי געצוואונ-גען צו האלטען ביז דעם סוף. און ווי עס הערט זיך, וועט באלד אויך איינ-

(שלוס אויף זייט 10)

האט איהר שוין ערוועהל'ט דעלעגאטען צו אונזער קומענדער קאנווענשאן?

די צייט פון אונזער קאנווענשאן דערנעהנטערט זיך. אבער נאך ניט אלע לאקאלס אונזערע האבען שוין געהאט וואהלען פאר דעלעגאטען צו דער קאנ-ווענשאן.

פארצובריייטען א קאנווענשאן פון אזא גרויסער ארגאניזאציע ווי אונזערע, איז גאר ניט קיין לייכטע ארבייט. עס דארף נעהמען צייט, אלץ ווי געהעריג פארצובריייטען, אלץ זאל ריכטיג זיין.

סעק. באראף האט דאריבער געשי-נען פאר נייטיג די וואך ארויסצושיקען א בריף צו די לאקאלס, ווי דערמאנענ-דיג זיך א ביסעל א ריהר צו טאן מיט דער ארבייט. דער בריף לייזט זיך ט"י-ווייז ווי פאלגט:

„... צו אונזער קאנווענשאן איז נאך בלויז א פינף וואכען. אונזער אפיס דארף ערהאלטען די נעמען פון די ער-וועהלטע דעלעגאטען צו דער קאנווענ-שאן ניט שפעטער ווי די ערשטע וואך אין מאנאט אפריל, אום צו קאנען מא-כען די נויטיגע פארברייטונגען. איהר ווייט דעריבער געבעטען צו זעהן, דאס די וואהלען פאר דעלעגאטען זאלען געמאכט ווערען אין אייער לאקאל.

איהר זייט אויך געבעטען צו שיקען אין אונזער אפיס די דופליקייט קרעדענ-שעלס און די אריגינעלע לאזען פאר אייע-רע דעלעגאטען."

מיט ברידערליכען גרוס,
אב. באראף,
דזשענעראל סעק.־טרעזשורער.

שלעזינגער אפעלירט פאר דעם מיליאן־דאלאר פאנד

ברידער און שוועסטער, מעמבערס פון דער קלאוקמאכער־יוניאן!

די בעריכטען פון דעם טרעזשורער פון דעם דזשאינט באארד, וועגען דאס אריינקומענדע געלד פאר דעם מיליאן־דאלאר פאנד זיינען זעהר גוטע, און זי גיבען מיר דעם מוט צו אפעלירען צו אייך נאך אמאל דורך „די גערעכטיגקייט" צו באצאהלען אזוי גיך ווי מעגליך, ניין, מאקי שוין, ניט אפלייגענדיג אויף א מינוט, דעם אסעסמענט פאר די שאפונג פון דעם מיליאן־דאלאר פאנד.

ברידער און שוועסטער, איהר קענט מיך לאנג גענוג, און איהר ווייסט דאס עס איז ניט אין מיין נאטור צו סטראשענען, אנצוזאגען א מורא, ווען עס איז ניטא קיין גוטער גרונד. און אויך איצט איז ניטא די מינדעסטע געפאהר. צו קעמפען פאר אונזער יוניאן און אונזער שטיקעל ברויט איז ניט קיין נייעס פאר אונז. אבער דאס איז אלין גערעדט, ווען מיר ווייסען און פארשטעהען גוט די לאגע, און זיינען גוט פארבארייטעט. און — געדענקט עס, קלאוקמאכער! — אלעס ווענדט זיך אן דעם, ווי שטארק מיר זיינען פארבערייטעט. אויב מיר זאלען ניט זיין גוט גענוג פארבערייטעט, דאן איז ווירקליך דא א געפאהר, אז אונזער קאמף וועט ניט קענען זיין אזוי שטארק, אזוי ענערגיש, ווי ער מוז זיין, אז מיר זאלען קענען זיין זיכער מיט א זיג.

געדענקט עס, קלאוקמאכער! נעמט עס ניט צו לייכט. די איצטיגע לאגע פאדערט פון אייך אייער גאנצען ערנסט, די פולסטע איבערגעבענהייט צו אייער יוניאן.

און אין דעם איצטיגען מאמענט קענט איהר עס ניט ארויסווייזען בע-סער, ווי דורך די שנעלסטע ערפילונג פון אייער פליכט, פון באצאהלען באלד דעם אסעסמענט, און אזוי ארום אויספיהרען, אז דער מיליאן דאלאר פאנד זאל אין דעם משך פון די נעקסטע פאר וואכען זיין אין דער טרעזשורי פון דעם דזשאינט באארד.

בענדזשאמין שלעזינגער,
פרעזידענט א. ל. ג. וו. י.

אינטערנאציאנאלע קליידער־פעדעראציע רופט פרעזידענט שלעזינגער צו א קאנגרעס אין איטאליען

פרעזידענט שלעזינגער האט די וואך באקומען א קייבעלגראם פון האלאנד, פון וואן דער העיג, דער סעקרעטער פון דער אינטערנאציאנאלער פעדעראציע פון די קליידער־ארבייטער, אז ער זאל קומען צו א קאנגרעס אין רוים, איטאליען, וואס וועט זיך עפענען דעם 28טען אפ-ריל, 1922. אין דעם קייבעלגראם ווערט געבעטען פרעזידענט שלעזינגער זאל גלייך ענטפערען, טעלעגראפיש, צו ער וועט קומען.

דער ענטפער איז נאטירליך געווען, אז ער קען ניט פאהרען, ווייל דעם 1טען מאי וועט זיך עפענען אין קליוולאנד אונזער קאנווענשאן. גראדע האט זיך איינגעטראפען פאר דער זעלבער צייט דער קאנגרעס פון רוים מיט אונזער קאנ-ווענשאן אין קליוולאנד. און דאס מאכט אוממעגליך פאר פרעזידענט שלעזינגער בייצוואוינען דעם קאנגרעס אין רוים.

אונטערהאלט פון אונזערע סטודענטען און לערער דעם שבת

די אונטערהאלטונג פון די סטודענטען און די לערער פון אונזערע יוניטי סענ-טערס וועט פארקומען דעם שבת, דעם 1טען אפריל, 7 איהר אווענט, אין דער וואשינגטאן אירווינג היי סקול, 16טע סטריט און יוניווערסיטי פלייס. עס פאר-שטעהט זיך, דאס צו דער אונטערהאלטונג קומען די סטודענטען, ווי די לערער, ניט אליין, זיי נעמען אויך מיט זייערע פריינט.

צו דער אונטערהאלטונג קומען אויך אלע עדיוקיישאנאל קאמיטעס פון אונזערע לא-

(שלוס אויף זייט 4)

א פראטעסט מיטינג געגען דער פאראורטיילונג פון סאקא און וואנזעטי

דער טויט אורטייל פאר די צוויי אי-טאליענישע ראדיקאלען סאקא און וואנ-זעטי האט ארויסגערופען גרויס ענטריס-טונג אין די ארבייטער קרייזען, און אויך צווישען די ליבעראלען און ראדיקאלען אין אמעריקא.

און ניט נאר אין אמעריקא אליין, עס האט אויך אויפגערודערט די ארבייטער-שאפט פון אייראפא, און אין איינינע לענ-דער זיינען פארגעקומען גאסען־דעמאנ-סטראציעס פאר דער באפרייאונג פון סא-קא און וואנזעטי, וועלכע ווערען אומע-דום באטראכט פאר מארטירער, פאר קרבנות פון דעם צווישעטען אמעריקא-נער קאפיטאל, און פון דער פינסטערער רעאקציע וואס האט זיך אויסגעשפרייט זינט דער מלחמה.

וועהרענד אין אייראפא ווערט געפא-דערט די באפרייאונג פון די צוויי מאר-טירער, האלט עס נאך דא ניט אזוי ווייט. דא, ביי אונז אין אמעריקא, פארלאנגט מען בלויז דאס סאקא און וואנזעטי זא-לען באקומען א נייעם פראצעס. און דאס ווערט געפאדערט ניט גלאט אין דער וועלט אריין, דאס ווערט געפאדערט אויף גאנץ גוטע גרינדע. עס ווערט אנגעווי-זען ווי פארטייאיש עס איז געגען זיי גע-פיהרט געווארען דער פראצעס, און איצט איז עס שוין אויך באשטעטיגט, דאס מען האט זיך אפילו באנוצט מיט פאלשע עדות, אבי זיי צו פאראורטיילען. אזא יוסטיץ־סקאנדאל טאר בשום אופן ניט פארשוויגען ווערען. די צוויי מארטירער מוזען געראטעוועט ווערען פון דער תליה וואס איז שוין פאר זיי אנגעגרייט געווא-רען.

דא ניט לאנג צוריק האט פרעזידענט

(שלוס אויף זייט 16)

אינהאלט־פארצייכניס

„גערעכטיגקייט" נומער 13

זייט 2. די וואך — ג. ש.
זייט 3. אלערליי פון שיקאגא — ה. סקול-מאן. צוויי מיטינגען פון לאקאל 22. — י. שעהנהאלץ.
זייט 4. מיטינג פון דזש. בארד קלאוקמאכער יוניאן — ל. לאנגער. אין דער ריפער-מאכער יוניאן לאקאל 17 — דזש. העלער.
זייט 5. די אויפגאבען פון די דעלעגאטען אויף דער קומענדער קאנווענשאן — אר-טור סעמיועלס. א פאר ערנסטע ווער-טער צו די פרעסער פון לאקאל 35 — רזש. ברעסלאו. א ווארט צו די מיט-גלידער פון לאקאל 60 — מ. שעכטער.
זייט 6. קאסטיום דרעסמאכער יוניאן לא-קאל 90. — י. בערנארדסקי. די דעזיי-נערס יוניאן לאקאל 45 — מ. גאלדאוו-סקי.
זייט 7. מיין וועג (ערצעהלונג) — וו. קלארקא.
זייט 8. פון רעדאקטאר'ס נאטיץ־ביכעל.
זייט 9. צו די פראבלעמען פון אונזער קו-מענדער קאנווענשאן — אב. באראף. יעדער מיט זיין פרייער (געדיכט) — י. י. שווארץ.
זייט 10. מאנטאגיו'ס „פאשאל וואן" פון אינדיען — א. וועלדין. קורץ און שארף — י. ב. ג.
זייט 11. קאנווענשאן פראגען — אסיפ וואלינסקי. מאדערנע דאגות (פעליעטאן) — ז. וויהילער.
זייט 12. קורצע שמועסען.
זייט 13, 14 און 15 — עדוועדטייזמענטס.
זייט 16. וואו האלט עס מיט דער פעדעראל אינטערוועבונג? ברידער הערי וועף בא-פרייט פון פריזאן. די באנאז עמבראי-דערערס יוניאן געווינט צוויי סטרייקס.

וואהלען פאר דעלעגאטען צו אונזער קאנווענשאן.

אין מאנכע פון אונזערע לאקאלס איז שוין פארגעקומען וואהלען פאר דעלעגא-טען צו אונזער קומענדער קאנווענשאן. דא איז א צעטעל פון די לאקאלס, וואו די וואהלען דארפען פארקומען די טעג.

לאקאל 1 וועט האבען וואהלען דעם שבת, 1טען אפריל, אין וועבסטער האלל, 11טע סטריט און 4טע עוועניו, פון 10 אין־דער־פריה ביז 5 פארנאכט.

לאקאל 3 וועט האבען וואהלען שבת, 1טען אפריל, אין ברייטנט האלל, 725—6טע עוועניו, פון 12 מיטאג צייט ביז 5 פארנאכט.

לאקאל 23 וועט האבען וואהלען שבת, דעם 1טען אפריל, אין לייבאר טעמפעל, 14טע סטריט און 2טע עוועניו, פון 9 אין־דער־פריה ביז 5 נאכמיטאג.

לאקאל 35 וועט האבען וואהלען מאנטאג, דעם 3טען אפריל, פון 8 אין־דער-פריה ביז 8 אוהר אבענד. שטימען וועט מען קענען אין אפיס פון דער יוניאן, 228—2טע עוועניו, און אין בראנזוויל לייבאר לייסעאום, 219 סעקמאן סטריט.

לאקאל 82 וועט האבען וואהלען מאנטאג אווענט, דעם 3טען אפריל, אין אסטא-ריא האלל, 64 4טע סטריט.

טשערלייט פון די קלאוקשעפער נעהמען זיך מיט נייעם מוט פאר דער זאמלונג פון פארטיידיגונגס־פאנד

דאס איז געווען דער גייסט פון שאפ־טשערמאן מיטינג לעצטען שבת אווענט אין [illegible] די מיטגלידער צו [illegible] מיט דער [illegible] געשפאנטקייט הערט זיך [illegible] פרעזידענט שלעזינגער רעדט און לעזט [illegible] וואשינגטאן, ווי האלט עס מיט דער [illegible] פעדעראל־אונטערזוכונג?

דער שאפ־טשערמאן מיטינג אין הוי־פט־יוניאן לעצטען שבת ביינאכט איז גע־ווען א [illegible]. ארום 1 א זייגער איז דער [illegible] געווען מיט די [illegible] שאפ־טשערלייט פון די [illegible] [illegible] אין [illegible] פון [illegible] [illegible] מיט [illegible] האט דער [illegible] [illegible] די [illegible] געשטערט די [illegible] [illegible] אין דער [illegible] אינדוס־טריע. אין טאג נאך פאר דעם [illegible] איז דער מיטינג געווען [illegible].

[illegible] רעדנער [illegible] דער איי־[illegible] אין [illegible] די [illegible] קייט פון [illegible], האבען אלע רעדנער זיך [illegible] בייס דעם [illegible] פון דעם [illegible] פארטיידיגונגס פאנד וואס [illegible] די [illegible] פאר וואכען געשאפען ווערען. די רעדנער האבען אויך אנגע־וויזען, דאס די „[illegible]“ [illegible] ווי [illegible] אזוי ווי [illegible] מען מען געוויס ערווארטען א נייעם סטרייק אין דער נאהענטער צוקונפט און פארגליך דאס די יוניאן זיין פארשטענ־דיג צוגעגרייט פאר אלץ וואס קען זיך מאכען. מיט דעם אפקאל וואס די רעדי־נער האבען באקומען, ווען זיי האבען דער־מאהנט די טשערלייט, אז דער אסעס־מענט פאר'ן מיליאן דאלאר פארטיידי־גונגס־פאנד מוז גלייך קאלעקטירט ווערען, האט מען געקענט זעהען דייטליך אז זיי פארשטעהען גוט די לאגע, און דאס זיי ווערען טאן דאס בעסטע, מאכענדיג אלע אנשטרענגונגען, אז דאס געלד פאר דעם פאנד זאל אין די נעקסטע פאר וואכען זיין אין דער יוניאנ'ס טרעזשורי.

נאך א כאראקטער שטריך האט זיך אויף דער פארזאמלונג בולט ארויסגעוויי־זען, ווי קאמפלוסטיג עס זיינען די קלאוקמאכער, ווי ווייניג זיי שרעקען זיך, ווען זיי הערען אז מען וועט אפשר ווידער באלד דארפען געהן סטרייקען. ווי נאר א רעדנער האט דערמאהנט, אז מען מוז זיך צוגרייטען, ווייל מען וועט אפשר באלד ווידער אמאל דארפען געהן סטרייקען; אז עס קען זיין, דאס באלד וועלען די קלאוקמאכער ווידער דארפען געהן אין די „טרענטשעס“, האט ארויסגעבראכט א שטורמ'דיגער אפלאוז.

דער הויפט רעדנער פון דער פארזאמ־לונג איז געווען פרעזידענט שלעזינגער. ער האט קלאר געמאכט פאר די פארזאמ־מעלטע די איצטיגע לאגע און אנגעדייטעט וואס מען קען אין דער נאהענטער צוקונפט ערווארטען. ער האט נאטירליך, אויך געמאכט א שטארקען אפיל פאר דעם מיליאן דאלאר פארטיידיגונגס־פאנד און אויפגעפאדערט די טשערלייט זיך צו נע־מען צו דער ארבייט און העלפען דער יוניאן צוזאמענזאמלען דאס געלד.

פרעזידענט שלעזינגער געהט דאן אריבער צו דער געפלאנטער אונטערזוכונג אין דער קלאוק אינדוסטריע און ער גיט איבער וואו עס האלט. ער דערצעהלט, ווי ער איז נאך מיט א צייט פריהער גע־קומען צו א פארשטענדניס מיט די מי־ניסטארען הואווער און דייוויס וועגען דער געפלאנטער פעדעראל אונטערזוכונג; ווי ער האט פאר זיי גאנץ קלאר געמאכט, אונטער וועלכע באדינגונגען די יוניאן וועט זיך אין דעם קאנען באטייליגען אבער, ווי עס שיינט — זאגט ער — האט זיך עפעס אין וואשינגטאן וועגען דעם געענדערט, און ער באווייזט עס מיט דעם פאלגענדען בריף פון וואשינגטאן, וואס ער לעזט פאר.

בריף פון די מיניסטארען הואווער און דייוויס צו דער יוניאן

מר. בענדזשאמין שלעזינגער,
פרעזידענט אינטערנעשאנאל לײדיס גאר־מענט וואירקערס יוניאן.
31 יוניאן סקווער,
ניו יארק סיטי.

ווערטהער הערר!

דער בריף וואס מיר האבען געשיקט דעם 11טען יאנואר צו אייך און דער מא־נופעקטשורערס אססאסיאיישאן האבען מיר געמיינט, אז ער זאל דינען אלס א גרונד, דורך וועלכען צו באשטימען א קא־מישאן וואס זאל אונטערזוכען ווי אזוי די ניו יארקער גארמענט אינדוסטריע אר־בייט, און וואס זאל דאן מאכען פראקטי־שע פארשלאגען. אנשטאט אן ענטפער צו אונזער בריף, וואס זאל זיין געשריבען אין דעם גייסט פון וועלכען מיר האבען איהם געשריבען, האט זיך אנגעפאנגען א פריוואטע בריף שרייבעניש צו בא־שטימען דעם פארנעם פון דער אונטער־זוכונג און די פערזאנען וואס זאלען איהר אנפיהרען.

אויף אונזער איינלאדונג צו צושטע־לען אזוי שנעל ווי מעגליך פינף אדער זעקס נעמען פאר דער אונטערזוכונג, האט די יוניאן אנגעפאנגען אפצוציהען, אויס־צודרעהען זיך און שטעלען באדינגונגען אויף אזוי ווייט, אז זי האט ניט צוגע־שטעלט קיין נעמען ביז א סך טעג זיינען פאראיבער זינט אונזער ערש־טער פארלאנג איז געמאכט געווארען, און דאן האט זי צוגעשטעלט דריי נעמען אנ־שטאט פינף אדער זעקס.

די מאנופעקטשורערס אססאסיאיישאן, אבוואהל זי האט גלייך צוגעשטעלט איה־רע פארגעשלאגענע נעמען, האט אין איה־רע לעצטע בריף געשטעלט באדינגונגען וואס זיינען ניט געווען אין דעם אריגינע־לען פארשלאג.

מיר האבען זיך אריינגעמישט דער־פאר, וואס מיר האבען געגלויבט אז אזא קאמישאן ווי די וואס מיר האבען פארגע־שלאגען וואלט אויסגעקלערט א פונדא־מענט פאר בעסערע באציהונגען, און וואלט אזוי ארום געקאנט דינען דאס פאלק, די ארבייטער און בעל בתים. דיי־זער פארשלאג, וועלכען מיר האבען גע־מאכט מיט די בעסטע אבזיכטען, מוז ענטוועדער אנגענומען ווערען, אדער צו־ריקגעצויגען ווערען. אויב מען וועט ניט אנשטעלען אזא קאמישאן וועט דער איי־ציגער וועג זיין צו לאזען די זאך געהן ווי עס געהט, ביז וואנען דער שטרענגער גאנג פון עקאנאמישע געזעצען וועט ברענגען א לייזונג. די וועלכע קאנטרא־לירען די אינדוסטריע וועלען זיך ניט קע־נען אויסדרעהען פון פאראנטווארטליכ־קייט אויב זיי וועלען ווייטער דערלאזען, אז כאאס אין דער אינדוסטריע זאל אנ־געהן, פונקט ווי זיי וועלען אננעהמען א באשטימטע פאראנטווארטליכקייט מיט־צוארבייטען מיט אונז, אויב א קאמישאן זאל יעצט אנגעשטעלט ווערען און ארד־נונג זאל אריינגעבראכט ווערען.

אויב ביידע צדדים זיינען וויליג אנ־צונעהמען אונזערע אריגינעלע פארשלא־גען אהן קיין שום תנאים, און שטימען איין מיטצוארבייטען מיט אונז, לויט די פארשריפטען פון ביידע פארשלאגען, דארפען זיי דאס באלד ערקלעהרען.

ערגעבענסט אייער,
הערבערט הואווער,
האנדעלס־מיניסטער.
דזשיימס דזש. דייוויס,
ארבייטס־מיניסטער.

אויף דיזען בריף האט פרעזידענט שלעזינגער געשיקט דעם פאלגענדען ענט־פער:

ניו יארק, מארטש 14, 1922.

האנ. הערבערט הואווער,
האנדעלס־מיניסטער,
האנ. דזשיימס דזש. דייוויס,
ארבייטס־מיניסטער,
וואשינגטאן, ד. ס.

ווערטע הערען!

ערלויבט מיר אויסצודריקען מיין אי־בעררעשונג איבער דעם טאן פון אייער געמיינשאפטליכען בריף פון דעם 10טען ד. מ., וועלכער איז לויט מיין מיינונג איינגאנצען אזא וואס האט זיך ניט געפא־דערט אין דעם פאל.

די גאנצע צייט זינט דער פלאן צו גרינדען אזא קאמישאן צו אונטערזוכען די קלאוק אינדוסטריע פון ניו יארק איז פארגעשלאגען געווארען, איז די באציהונג פון דער יוניאן צו דער פארגעשלאגענער קאמישאן געווען דורכאויס אן אפענהער־ציגע, אויפריכטיגע און אויסגעהאלטענע. אויב דער פארשלאג וואס איז געקומען פון די צוויי רעגירונגס דעפארטמענטס וואס איהר פארטרעט, האט פאראורזאכט א „פארזויסעלטע קארעספאנדענץ“, און אויב דער יוניאנ'ס נאמינייטשאנס זיינען פארשפעטיגט געווארען, איז אין דעם שולדיג טיילווייז דער שטאנדפונקט פון דער אססאסיאיישאן, און טיילווייז דאס, וואס איהר אליין האט פארפעהלט קלאר צו מאכען דעם פארנעם און די אב־זיכט פון דער אונטערזוכונג, ווי אויך דעם צוזאמענשטעל און פליכטען פון דער פארגעשלאגענער קאמישאן.

מיר האבען גערן אנגענומען די אונ־טערזוכונג הויפטזעכליך דערפאר, וואס מיר האבען אין איהר געזעהן א געלעגענ־הייט צו פארקלענערען דעם פרייז פון קליידער און אזוי ארום פארגרעסערען די פראדוקציאן און שאפען מעהר באשעפטי־גונג. מיר האבען אנערקענט דעם פאקט, אז א ריכטיגע אונטערזוכונג פון דער אינ־דוסטריע מוז זיין א ברייטע און אן אויספיהרליכע. מיר האבען אבער אונ־טערשטראכען, אז עס איז פיל וויכטיגער צו אונטערזוכען די יעצטיגע פרא־פיטען פון די טעקסטיל מילען (די אמע־ריקאן וואולען קאמפאני אליין גיט צו, אז זי האט לעצטען יאהר געמאכט מעהר ווי זיין מיליאן דאלער מעהר) ווי צו אונטערזוכען די ארבייטס־קאסטען, וועלכע זיינען זעהר א קליינער טייל פון דעם ריטייל פרייז פון קליידער. דיזען שטאנדפונקט האבען מיר אויסגעדריקט קלאר און דייטליך אין אלע אונזערע פריהערדיגע בריף.

וואס אנבאלאנגט די בעלי בתים, האבען מיר גוטע אורזאכען צו גלויבען, אז זיי זיינען ניט געווען איינגאנצען אפענ־הערציג וועגען דעם אמת'ען אבזיכט וואס זיי האבען געוואלט דערגרייכען דורך דער אונטערזוכונג.

מיר האבען געגלויבט און מיר גלוי־בען נאך אלץ, אז די מאנופעקטשורערס אססאסיאיישאן איז נאר ווייניג פאראינטע־רעסירט אין די גרונד עקאנאמישע פראב־לעמען וועלכע זיינען טיף איינגעוואר־צעלט אין דעם סיזאן כאראקטער פון דער ארבייט; די ראלע, וואס די הונדערט־עט־ליי פארמיטלער שפילען; די פראבלעם פון פראפיטירונג; ווי אויך די אנדערע וויכטיגע זאכען וואס פאראורזאכען די הויכע פרייזען פון קליידער.

פאר דער מאנופעקטשורערס אססא־סיאיישאן האט די פארגעשלאגענע רעגי־רונגס־אונטערזוכונג געשיינט צו זיין הויפטזעכליך א זאך מיט וועלכער צו צווינגען די ארבייטער דורך א דריטער האנד אפצוגעבען די נויטווענדיגסטע אר־בייטס און לעבענס־באדינגונגען, — א זאך, וואס זיי גיבען פאקטיש אליין צו אין זייער לעצטען בריף צו אייך. נעה־מענדיג דיזע האלטונג פון די מאנופעק־טשורערס אין אנבאטראכט, האבען מיר כסדר קלאר געמאכט, אז די ניו יארקער קלאוקמאכער וועלען זיך אונטער קיינע אומשטענדען ניט באטייליגען אין איר־גענד וועלכער אונטערזוכונג, וואס וויל זיך פארנעהמען מיט אומקעהרען שטיק־אר־בייט אונטער אירגענד וועלכער פארמע, אדער וואס וויל ווידער אויפלעבען די אלטע סיסטעם פון ענטזאגען ארבייטער לויט די באסעס איינענע איינזעהעניש. די ארבייטער ווילען זיך ניט אין דעם בא־טייליגען דערפאר, וואס זיי זיינען אי־בערצייגט, אז דאס וואלט פריהער־שפע־טער צוריק געבראכט די סוועט־שאפס מיט אלע זייערע שעדליכקייטען.

איהר, מיינע הערען, האט געשיינט אנצונעהמען אונזער שטאנדפונקט, און איהר האט אונז פארזיכערט נאך דעם 25טען יאנואר, אז די פארגע־שלאגענע אונטערזוכונג וועט זיין „א גרינדליכע און אויספיהרליכע אזוי, אז זי זאל ארומנעמען די גאנצע אינדוסטריע פון אנפאנג ביז סוף, פון די רויהע מא־טעריאלען ביז וואנען מען פארקויפט די פארטיגע קליידער צו די ריטייל קאסטי־מער, אריינגענומען יעדען שריט אין דער פראדוצירונג פון די קליידער“.

ווען מען האט אונז אויפגעפאדערט צו נאמינירען פערזאנען פאר דער פארגע־שלאגענער קאמישאן, האבען מיר נאטיר־ליך, און גאנץ גערעכטפערטיגט, געוואלט וויסען וואס די ארבייט, צוזאמענשטעל און צאהל מיטגלידער פון דיזער קאמי־שאן וועט זיין. דארום האבען מיר גע־שטעלט די פאלגענדע דירעקטע פראגען:

1. פון וויפיל מיטגלידער וועט די קאמישאן באשטעהן?

2. האט די יוניאן אן אונבאשרענק־טע רעכט אויסצוקלייבען איהרע פארטרע־טער אויף דער קאמיטע, אדער בעט מען אונז בלויז צוצושטעלען א ליסטע נעמען פאר אייער באטראכטונג, מיט דער פאר־שטענדניס אז אונזערע פארגעשלאגענע קאנדידאטען וועלען מעגליך גוטגעהייסען ווערען אדער צוריקגעוויזען ווערען?

אויף דיזע פראגען האבען מיר קיינ־מאל ניט געקראגען קיין קלארען דירעק־טען ענטפער, אבער סעקרעטער דיי־וויס האט אין א פערזענליכען אינטערוויו מיט מיר ערקלעהרט, אז מיר קענען צו־שטעלען אירגענד וועלכע צאהל נעמען, מיט דעם איינציגען באדינג, אז אונזע־רע נאמינירטע מענשען זאלען יעצט ניט זיין פארבונדען מיט דער אינדוסטריע, און אין א בריף האט ער מיר דעם 27טען יאנואר געשריבען: „אויב איהר ווילט צו־

שטעלען די נעמען, וואס איהר [illegible] פאר, אין דער ארדנונג אין וועלכער א [illegible] ווייט, אז מען זאל זיי אויסקלייבען, ווע־רען סעקרעטער הואווער און איך זיכער האלטען זיך [illegible] דער ארדנונג [illegible] אויסוואהל, ווען מיר וועלען אויסקלייבען די פערזאנען“.

אונטער דיזע אומשטענדען, שיינט מיר, האט דער דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד פון דער אינטערנעשאנאל ליידיס גארמענט ווארקערס יוניאן גענומען א פעראנטווארטליכען שריט צו האנדלען ווי ער האט געהאנדעלט, נעמליך צו נאמינירען די לייט אין דער ארדנונג אין וועלכער מיר וואלטען זיי געוואלט ערוועהלט האבען, און צו ווידערהאלען דאס, וואס מיר פארשטע־הען וועגען דעם פארנעהם און די באגרענ־צונגען פון דער פארגעשלאגענער אונטער־זוכונג.

איך וויל אייך דערמאנען, אז די בא־טייליגונג פון דער יוניאן אין דער פאר־געשלאגענער אונטערזוכונג איז דורכאויס א פרייוויליגע, און אז מיר האבען ניט נאר דאס רעכט, נאר ס'איז אונזער פליכט צו שטעלען אונזערע באדינגונגען און פארזי־כערונגען וואס זיינען לויט אונזער מיי־נונג אבסאלוט נויטיג אום צו באשיצען די לעבענס אינטערעסען פון די פופציג טויזענד ארבייטער אין דער אינדוסטריע.

אויפריכטיג אייערער,
בענדזשאמין שלעזינגער,
פרעזידענט אינטערנעשאנאל לײדיס גארמענט ווארקערס יוניאן.

דער גרויסער אפלאוז, וואס איז גע־קומען, ווען פרעזידענט שלעזינגער האט געענדיגט לעזען דעם בריף, האט קלאר געוויזען, דאס די אנוועזענדע זיינען פאל־שטענדיג צופרידען מיט דער שטעלונג פון דער יוניאן אין דער אנגעלעגענהייט. עס איז, אלזא, איצטער גאנץ אומבאשטימט צי די געפלאנטע פעדעראל אונטערזוכונג וועט פארקומען אדער ניט.

ברודער מייער שארפ געשטארבען

לעצטען דאנערשטאג פארטאג, דעם 18טען מערץ איז פלוצים געשטארבען ברודער מייער שארפ, א דיסטריקט מע־נעדזשער פון דער קלאוקמאכער יוניאן. ער איז געווען דער מענעדזשער פון דעם דאון־טאון אפיס פון דזשאינט באארד.

ברודער שארפ האט ביז דער לעצ־טער מינוט אטענדעט צו זיינע פליכטען אלס יוניאן באאמטער. דעם טאג פאר זיין טויט איז ער געווען אין אפיס פון דער יוניאן און זיך אפגעגעבען צו אלעם וואס עס איז געווען נויטיג צו טאן. ער האט זיך אפילו ניט געקלאגט אז ער איז קראנק. נאכדעם אז ער איז געגאנ־גען אהיים און אין מיטען נאכט פון מיטוואך אויף דאנערשטאג, איז ער גע־שטארבען. ברודער שארפ איז געווען א באאמטער אין דער קלאוקמאכער יוניאן זייט דעם יאהר 1917. ער איז געווען א מעמבער פון לאקאל 10, די קאטערס יוניאן.

ביי זיין לויה האבען זיך באטייליגט אלע יוניאן באאמטע, סיי פון די לאקאלס און סיי פון דזשאינט באארד, און אויך אונזערע אינטערנעשאנאל באאמטע, שלע־זינגער און בארא. ביים קבר זיינע געהאלטען געווארען רעדעס פון וויים־פרעזידענט סעמועל לעפקאוויץ, פון ברו־דער דובינסקי, מענעדזשער פון לאקאל 10, און ברודער רינגער, וועלכער האט געארבייט צוזאמען אין איין אפיס. שארפ איז אלט געווען 36 יאהר. ער לאזט איבער א פרוי און א קינד.

די לויה איז ארגאנזשירט געווארען פון דעם „באארד אוו אפישעלס“, אן אר־גאניזאציע פאר גענענזייטיגער הילף, צו וועלכער עס באלאנגען אלע באאמטע פון דער קלאוקמאכער יוניאן, פון וועלכער ברודער שארפ איז געווען א מיטגליד.

ברודער שארפ איז שטארק באליבט געווען ביי אלע זיינע פריינד און באקאנ־טע. ער איז געווען פון יאהרען־לאנג זעהר איבערגעגעבענער יוניאן טוער און דורך זיין פריהצייטיגען טויט האט די יוניאן א סך פארלארען. זי האט פאר־לארען א היסען, איבערגעגעבענעם פריינד ביי וועמען זי, די קלאוקמאכער יוניאן איז געווען דאס ליבסטע און דאס הייליגסטע אויף דער וועלט.

עהרע זיין אנדענקען!

קויפט אויסשליסליך
קאלאטביא טהעע
צוזעטאטשני טשאי
וואהייט לילי טהעע

אלערליי פון שיקאגא

פון ה. סקולמאן.

געראדע האב איך איך שרייבען א פריטליכען בריעף וועגען אלעס, וואס עס האט זיך אפגעטאן אויף דער „גאנצע וועלט" וויכטיגער קאנפערענץ פאר פאראייניגטע פאליטישע אקציאן פון אלע ארבייטער ארגאניזאציעס. נאר איין נאט וויס, אז, ערשטענס, בין איך ניט קיין רעגעלער שרייבער, און, צווייטענס, ווען איך וואלט שוין אזעלכער געווען וואלט איך ערשט דאמאלסט ניט געהאט וואס צו שרייבען פשוט דערפאר, ווייל דארטען האט זעהר ווייניג פאסירט, אויסער, נאטירליך, די עטליכע עמת-שעהנע, און מאנכע זעהר געלונגענע, רעדעס, וועלכע זיינען געהאלטען געווארען פון די פארשיידענע רעדנער. עס האבען גערעדט פארמע"ס, ארבייטער פיהרער, גלחים און סתם פראגרעסיסטען, און עס האט זיך אמווייניגסטענס מאמענטענווייז גערוכט, אז אלע זיינען איינינג אויף איין זאך, אויף דער ארבייטער זאך. ווען עס איז אבער געקומען צו טאן עטוואס, האט מען דאס גאנץ געמיטליך אפגעלייגט אויף דעם קומענדען דעצעמבער, ווען א עהנליכע קאנפערענץ וועט פארופען ווערען; דא מעלט זיך, נאטירליך, געפאסט זיך געבען א צושפרייט איבער דער פאליטישער לאגע אין לאנד, און די מעגליכע רעזולטאטען פון די קומענדע נאציאנאלע וואהלען. אבער דאס שמעקט שוין מיט פאליטיק, און גראדע אין דעם בין איך ניט אזוי שטארק באהאוונט.

* * *

אויב עס איז אונז געלונגען אויף אזא מערקווירדיגען אופן צו קענען אפשלאגען, אלע אטאקעס געמאכט אויף אונז מצד די בעלי-בתים, האבען מיר אבער ניט גע־מאכט דעם מינדעסטען פראגרעס, אין שייכות מיט די וואגעגאנטע קארפאריישאן שאפס. ניט נאר האבען מיר ניט אויסגעטאן זעהר פיל, נאר צו אונזער רעהטאג מוזען מיר מודה זיין, אז דיזע שאפס האט זיך אויף א פיל גרעסערען מאסשטאב פארשפרייט און איינגעווארצעלט, אט דיזע „בעלי מלאכות" האבען פשוט אויסגענוצט דעם פאקט, דאס מיר זיינען געווען פארנומען מיט דעם סטרייק און האבען ווי אמת'ע פיינלינגע אונז ארייננערוקט א מעסער אין פלייצע, מיט דעם וואס זיי האבען אין די פארדרוקטע פעמענטע שאפקעלאך, וואוקלאוקס ווע־רען געמאכט אונטער די שענדליכסטע באדינגונגען צום שלים-מזל האבען מיר איין ארביים ניט שוין פאר די לעצטע פיר־פינף סיזאנס, און געוויסע קלאוקמאכער זיינען פשוט געצוואונגען זעהר אפט צו ווערען ארייננעשלעפט אין איינע פון די סוועט-לעכער, וואו זיי שקלאפען אויף דעם ערגסטען אופן. פארשטעהט זיך, אז אונזער יוניאן קען ניט בלייבען גלייכגיל־טיג און עס איז שוין א לענגערע צייט, אז דיזע פראגע ווערט דיסקוטירט ביי אונזערע עקזעקוטיוום און דזשאינט באארד. מעהרערע פלענער זיינען אויס־געארביים געווארען און מאנכע פון זיי שיינען זיך ארוים צו זיין א סוקסעס, אבער וואס מיר באצוועקען מים דיזען שרייבען איז, צו באקענען אונזער ברייטער מעמבערשיפ מים דיזער ספעציעלער לאגע, ווייל מיר פיהלען, אז מיר וועלען נים קענען ערפאלגרייך דורכפיהרען אונזער פראגראם אויב מיר וועלען נים קריגען די מיטהילף פון יעדען מעמבער.

* * *

די „סלעק" האט זיך אנגעזעצט אויף אונזער שיקאגא'ער קלאוק און דרעס מארקעט גאר אהן א שפאס. איין סיזאן איז אריבער דעם צווייטען, און וואו־דאס קען פיהרען, האבען מיר מורא צו רעכענען. מיר האבען דא איינפאך פאר־לאזען, ווי א גוטער „פול-באנדעלדינגער" ארויס קוקט אוים. וואו די צרה ליגט, איז נאטירליך שווער צו באשטימען. מאנ־כע גלויבען, אז שולדיג איז די אלגעמיינע לאגע אין לאנד, מאנכע ווידער זיינען איבערצייגט צו גלויבען, אז ווען נים די קאר־פאריישאן שעפער, וועלכע זאלען זיך האבען שטארק פארמעהרט אין די לעצטע עטליכע חדשים, וואלט די לאגע, הויפט־זעכליך אין קלאוק טרייד, נים געווען אזוי שלים. אבער וואס די אמת'ע אורזאכע זאל ניט זיין, דער פאקט, אז צעהנדלינגער בעלי-מלאכות שטארבען פשוט פון הונגער איז עטוואס וואס מיר קענען ניט פארגע־סען, און ביז וואנען עס וועט פעסטגע־שטעלט ווערען די אמת'ע סיבה דארף מען זעהן, אז קיין איינער פון אונזערע מיט־גלידער זאלען ניט ליידען קיין דחקות. די קלאוק לאקאלס פון אונזער יוניאן דיס־קוטירען יעצט א פלאן, ווי אזוי דיזע צו העלפען און עס איז צו ערווארטען, אז ביים דיסקוטירען וועט דאס ניט בליי־בען און עטוואס כמיצות'דיגעס וועט גע־טאן ווערען.

* * *

ווען די „גאנצע וועלט" האט געאר־ביים 44 שטונדען א וואך, און זיי האבען געמוזט ארבייטען 48, האבען זיי גע־שוויגען, ווען ערגעץ האט מען נאך נים געקלערט אפילו פון רעדוצירען וויידזשעס און ביי זיי האט מען ארונטערגעריסען 10 פראצענט האבען זיי אויך געשוויגען, זיי האבען אפילו ארונטערגעשלונגען דעם פאקט, דאס די פירמע האט אפיציעל זייער יוניאן נים אנערקענט, אבער ווען עס איז געקומען אזוי ווייט, אז דער הויפט פארוואלטער האט אויף א גערעכטע קריוו־דע מכבר געווען דעם יוניאן פארשטעהער מיט א פאר קולאקעס, דאס האבען זיי שוין ניט געקענט פארשווייגען, און אלע ווי איין מאן האבען זיי פארלאזען דעם שאפ, דעם פלענט פון דער שיקאגא'ער ראבער קאמפאניע, וועלכער געפינט זיך אין דער צווייטער גרעסטער שטאדט פון וויסקאנסין סטייט, נעמליך: ראסיין, וויסקאנסין.

ברודער פראנק פאראר, וועלכער איז דער פרעזידענט, ביזנעס-איידזשענט, די הארץ און די נשמה פון דעם ראזיגען אינ־טערנעשאנאל לאקאל 114, און ער, וועל־כער האט דאס טאקע ארייננעבראכט די קלעפ, האט אנגעקלאגט דעם מענעדזשער אין געריכט, נאר די צוועלף „געשווארענע" האבען באשלאסען אז דער באס איז גע־רעכט. און עס איז גאר קיין וואונדער נים; די מעהרסטע פון דער „דזשורי" האבען געשעפט-פארבינדונגען מים דער פירמע און גאנץ נאטירליך האט זייער אורטייל נים געקענט זיין „שולדיג".

אבער ווי די זאך זאל נים זיין, די אר־בייטער, ארום הונדערט אין צאהל געהען נים צוריק און א סטרייק איז ערקלערט געווארען. ברודער ויגמאן און איך זיי־נען דארטען געווען און באטראכט די לאגע פון דער נאהענט, און עס איז אונזער מיינונג, אז לאנג וועט דיזער סטרייק נים אנהאל־טען. צו מוטיג, צו ענטשלאסען, זיינען די סטרייקער, אז די פירמע זאל קאנען ווען־עס-איז צוברעכען זייער איינינקייט.

* * *

עס איז געווען דער שטארקער וואונש פון אונז אויסצוגעפינען, אויב דאס וואס מיר האלטען פאר גוט איז טאקע גוט און אויב דאס וואס מיר מיינען אז עס איז נים רעכט, איז טאקע ניט רעכט, און אום דאס צו דערגרייכען האבען מיר געבעטען די דזשענעראל עקזעקוטיווע אונז „באַ־וויליגען" דעם ערשטען וויים-פרעזידענט ויגמאן צו קומען צו אונז און שטעהן מים אונז א שטיקעל צייט, און ער, אלס ער־פאהרענער פיהרער זאל אונז העלפען אנ־געהן מים דער ארבייט אין דיזער שווע־רער צייט, און מיר מוזען שוין זאגען, אז מיר האבען זעהר פיל נוצען געהאט. ברו־דער ויגמאן טוט אלעס וואס ער קען און נוצט אוים זיין איינפלוס איבעראל צום גוטען. עס טוט אונז נאר לייד, וואס די קאנווענשאן דערנעהענטערט זיך און ער וועט מים אונז נים קענען זיין אזוי לאנג ווי מיר וואלטען דאס געוואונשען.

מר. ה. פינסקער

וועלכער האט געוואוינט אין 2949 וועסט 21טע סט., קוני איילענד ווערט געזוכט. עס איז דא פאר איהם זעהר א וויכטיגער בריף פון אייראפא. ווער עס ווייס וואו ער וואוינט איצט איז געבעטען צו לאזען וויסען אויף פאלגענדען אדרעס: דרעס־מייקערס יוניאן, לאקאל 22, 16 וועסט 21טע סטריט, ניו יארק סיטי.

צוויי מיטינגען פון עקזעקוטיוו באארד פון דער דרעסמאכער יוניאן, לאקאל 22

א זיצונג פון דעם עקזעקוטיוו באארד פון דער דרעסמאכער יוניאן, לאקאל 22, איז אפגעהאלטען געווארען מיטוואך אווענט, דעם 15טען מארטש, 1922, אין 16 וועסט 21טען סטריט, אונטער דעם פארזיץ פון שוועסטער אנא סאסנאווסקי.

ברודער שעהנהאלץ האט בעריכטעט, אז ער האט זיך צוזאמענגערעדט מיט די סעקרעטערס פון די לאקאל 25, 60 און 80 און זיי האבען צוזאמען געשיקט א צו־שריפט צום גענעראל סעקרעטער פון דער אינטערנעשאנאל, פארלאנגענדיג, אז דער ענגוום בנוגע דער צאהל פון אונזערע מיט־גלידער, וואס איז גענומען געווארען אין מאנאט דעצעמבער, ווען ס'איז כמעט קיין ארבייט ניט געווען אין אונזער אינדוס־טריע זאל רעווידירט ווערען אזוי, אז ער זאל אין זיך אויך איינשליסען די לעצטע צוויי-דריי מאנאטען, ווען מעמבערס האבען אפגעצאהלט זייערע שולדען, און דאס וועט געבען אונזערע לאקאלס א גרעסערע פארטרעטערשאפט, וועלכע זיי זיינען בארעכטיגט צו האבען ביי דער קומענדער קאנווענשאן, ווי די, וואס עס איז פאר אונז באשטימט געווארען פון דער אינטערנע־שאנאל. דער באריכט פון סעקרעטער איז גוט געהייסען געווארען.

א צושריפט איז באקומען געווארען פון „פארווערטס", אין וועלכער אונזער ארגאניזאציע ווערט איינגעלאדען אנטייל צו נעמען אין דעם יום טוב, וואס ווערט געמאכט לכבוד דער צייטונג, וועלכע עק־זיסטירט שוין 25 יאהר און וועמעס גע־בורטסטאג וועט געפייערט ווערען זונטאג נאכמיטאג, דעם דעם 23טען אפריל. די עקזעקוטיוו באארד האט באשלאסען אנ־צונעמען די איינלאדונג און די פאלגענדע זיינען אויסגעקליבען געווארען צו פאר־טרעטען אונזער ארגאניזאציע: י. שעהנ־האלץ, ב. קאטץ, דזש. לייבאוויץ, ר. רושע־נעט, ס. טיעמאן, דזש. ראבינאוו, דזש. האפמאן דזש. שאפירא ר. בעקער און ס. וויינבערג.

ברודער שלעזינגער, פרעזידענט פון דער אינטערנעשאנאל, האט צוגעשיקט א צושריפט, אין וועלכען ער האט אונז גע־לאזט וויסען, אז די סאקא וואנזעטי דע־פענס קאמיטע וועט אין קורצען אפעלירען צו אונזער יוניאן דורך א בריף אדער דורך א קאמיטע, אז מיר זאלען שטיצען מיט געלט די פארטיידיגונג פון סאקא וואנזע־טי. ער האט דאריבער אין נאמען פון דער אינטערנעשאנאל אויפגעפאדערט, אז מיר זאלען מיט א ברייטער האנט ביישטייערען צום דעפענס פאנד, ווייל נאר די ארגאני־זירטע ארבייטער פון דעם לאנד קאנען ברעכען מיאוס'ע קאנספיראציעס געגען דאס לעבען פון די צוויי יונגע מענער. דער פארלאנג איז געווארען באוויליגט און עס איז באשלאסען געווארען, אז אזוי שנעל ווי א קאמיטע וועט זיך ווענדען נאך הילף וועט אונזער ארגאניזאציע האנדלען אין איינקלאנג מיט דער אויפפאדערונג פון דעם צושריפט.

די קאמיטע, וואס איז ביים לעצטען מיטינג פון דעם עקזעקוטיוו באארד אויס־געקליבען געווארען אויסצוארבייטען פלע־נער ווי אזוי אנצוגעהן מיט די וואהלען פאר דעלעגאטען פון אונזער לאקאל צו דער קאנווענשאן, האט אריינגעבראכט דעם פאלגענדען באריכט:

1. נאמינייש אנס זאלען געמאכט ווע־רען ביי די ברענטש מיטינגען, וועלכע זא־לען פאר דעם צוועק גערופען ווערען פאר דאנערשטאג, דעם 23טען מארטש און בריף זאלען געשיקט ווערען צו די משער־לייט אין וועלכע זיי זאלען אויפגעפאדערט ווערען צו לאזען וויסען די מיטגלידער, וועלכע ארבייטען אין זייערע שעפער, וועגען דיזע מיטינגען.

2. אן עלעקשאן און אבדזשעקשאן קא־מיטע זאלען ערוועהלט ווערען ביי דיזע מיטינגען. פיער פון דער קאמיטע זאלען אויסגעקליבען ווערען פון דעם עקזעקוטיוו באארד און די איבעריגע פינף, צו איינעם פון יעדען ברענטש.

דיזע קאמיטע זאל דינען אלס אן אב־דזשעקשאן קאמיטע און אלע קאנדידאטען, וואס וועלען אננעמען די נאמינייש אנס אלס דעלעגאטען, וועלען דארפען קומען צו דער קאמיטע. די קאמיטע זאל האבען דאס רעכט צוריק צו ווייזען די יעניגע, וועלכע וועלען נים זיין בארעכטיגט צו קאנדידירען. די קאמיטע זאל אויך אנ־פיהרען די וואהלען און זעהן, אז זיי זאלען ריכטיג דורכגעפירט ווערען.

א וואך נאך די נאמינייש אנס זאל א מיטינג גערופען ווערען, כדי אונזערע מיט־גלידער זאלען האבען א געלעגענהייט צו דיסקוטירען די פראבלעמען פון אונזער אינדוסטריע אזוי, אז די דעלעגאטען, וואס וועלען דערוועהלט ווערען, זאלען וויסען, ווי צו האנדלען, ווען פראגען אין באצוג צו אונזער יוניאן וועלען ארויפשווימען אויף דער קאנווענשאן.

3. וואהלען זאלען געהאלטען ווערען אין איין טאג, פון 9 אין דער פריה ביז 7 אין אווענט, אין באזאט בארעס זאל די אווקגעשטעלט ווערען אין יעדען אפיס פון דער יוניאן.

דער באריכט איז פארהאנדעלט אין גוט געהייסען געווארען.

דער באריכט פון דער פינאנץ און אפיס קאמיטע פון איהר מיטינג, וואס זי האט אפגעהאלטען מארטש דעם 11טען איז פארהאנדעלט און גוטגעהייסען גע־ווארען.

דער באריכט פון דער אפיל קאמיטע פון איהר מיטינג, וואס זי האט אפגעהאל־טען מארטש דעם 11טען, איז פארהאנ־דעלט און גוטגעהייסען געווארען.

* * *

א מיטינג פונ'ם עקזעקוטיוו באארד פון דער דרעסמאכער יוניאן, לאקאל 22, איז אפגעהאלטען געווארען דינסטאג אווענט, מארטש דעם 21טען, 1922, אין 16 וועסט 21טע סט. אונטער דעם פארזיץ פון שוועסטער אנא סאסנאווסקי.

אויף דעם פארלאנג פון ברודער ראָ־טענבערג איז אויסגעקליבען געווארען א קאמיטע וועלכע זאל צוזאמען מיט די מע־נעדזשערס פונ'ם דזשאינט באארד זיך פארטראכטען ווי אזוי צו לעזען די פראגע וועגען די נייע-אריבערגעקומענע אימיגראנ־טען אין אונזער אינדוסטריע און אין פאר־בינדונג מיט דעם זאלען אויסגענומען ווע־רען אנדערע פראגען אין אונזער פאך. די קאמיטע באשטעהט פון די ברידער ראָ־טענבערג, בעקער, לייבאוויץ, האפמאן און שוועסטער פארבער.

די באריכטען פון די פארשיידענע ברענטש מיטינגען זיינען אויפגענומען און פארהאנדעלט געווארען.

ברודער שעהנהאלץ האט באריכטעט וועגען די פארבערייטונגען וואס זיינען גע־מאכט געווארען פאר די ברענטש מיטינ־גען וואס זאלען געהאלטען ווערען מארטש דעם 23טען. א בריף איז ארויסגעשיקט געווארען צו אלע שאפ טשערלייט אין וועלכען זיי זיינען אויפגעפאדערט געווא־רען צו לאזען וויסען די מיטגלידער, וועל־כע ארבייטען אין זייערע שעפער, צו קו־מען צו איינעם פון די פינף ברענטש מי־טינגען. ער האט אויך באריכטעט וועגען דעם טאגעס-ארדנונג, וועלכען ער האט אויסגעארביים לויט דעם באשלוס וואס איז אנגענומען געווארען ביים לעצטען עקזעקוטיוו באארד מיטינג אויף דער רע־קאמענדאציע פון דער עלעקשאן קאמיטע.

די מיטגלידער פון דער עקזעקוטיוו באארד זיינען דאן באשטימט געווארען צו זיין ביי די פארשיידענע ברענטש מיטינ־גען.

די באריכטען פונ'ם דזשאינט באארד פון מארטש דעם 18טען און 17טען זיי־נען אויפגענומען געווארען.

דער באריכט פון מארטש דעם 8טען איז איינשטימיג גוטגעהייסען געווארען, און דער באריכט פון מארטש דעם 17טען איז אויך גוטגעהייסען געווארען אויסער דעם באשלוס פון דזשאינט באארד אין באצוג צום אפיל פון מים סיידי ראפקין, מיטגליד פון אונזער לאקאל, איהר צו ער־לויבען ארבייטען אינ'ם שאפ פון ראזענ־טאל און מעטש. די מיינונג פון דעם עק־זעקוטיוו באארד איז געווען, אז דער בא־שלוס פונ'ם דזשאינט באארד אין באצוג צו דער אנטשיידונג פון אונזער לאקאל אין דיזען פאל איז נים געווען קיין גערעכ־טע אדער נים באזירט אויף די ריכטיגע פאקטען און באווייזען, ווייל איהר בליי־בען אין דיזען שאפ וועט טאן שאדען און שעדיגען די אינטערעסען פון די ארביי־טער בכלל און די אינטערעסען פון דער יוניאן בפרט.

דער עקזעקוטיוו באארד האט דעריי־בער באשלאסען צו אינסטרואירען דעם סעקרעטער ער זאל אפעלירען געגען דעם באשלוס פונ'ם דזשאינט באארד אין דיי־זען משפט צו דער אפיל קאמיטע פון גע־נעראל עקזעקוטיוו באארד.

מיט דעם האט זיך די זיצונג געשלאָ־סען.

י. שעהנהאלץ, סעק.

פרעזענטירען דעם שאפ־טשערמאן.

מיר, די ארבייטער פון סמאל ענד סאן, 130 וו. 17טע סטריט, פארזאמעלט ביי א שאפ מיטינג, מארטש דעם 22טען, 1922 דריקען אוים א הארציגען דאנק צו אונזער שאפ טשערמאן, ברודער הערי סי־גאל, פאר זיין גוטער ארביים, און מיר פרעזענטירען איהם מיט א דימענטענע פין, און מיר ווינשען איהם, ער זאל עס טראגען געזונטערהיים.

מיט אכטונג,

די קאמיטע.

אייק פאליע, לאקאל 35 מארים פאר־ער, לאקאל 1; מארים באבושקא, לאקאל 11; מאריע סאנקין, לאקאל 1; סעם קולע, לאקאל 11; נייטען סילווער, לאק. 1; אייבראם בעזוויש, לאקאל 9.

GERECHTIGKEIT
A Jewish Labor Weekly
Published every Friday by the International Ladies' Garment Workers' Union
Office: 3 West 16th St., New York, N. Y.
B. SCHLESINGER, President — S. YANOFSKY, Editor.
A. BAROFF, Sec'y-Treas. — ABRAHAM TUVIM, Business Mgr.
Subscription price paid in advance: $1.00 per year.
Vol. IV. No. 13. — New York, Friday, March 31, 1922.
Entered as Second Class matter April 16, 1920, at the Postoffice at New York, N. Y., under the act of August 24, 1912.
Acceptance for mailing at special rate of postage provided for in section 1103, Act of October 3, 1917, authorized on January 25, 1919.

די וואך

פון נ. ש.

... האט עס מיט'ן קוילען סטרייק. די קאנפערענץ פון די מיינערס פיהרער וואס איז די טעג אפגעהאלטען געווארען אין קליוולאנד, האט באוויזען, אז די ארבייטער באוועגונג איז באשלאסען איינציג צו העלפען יענעם דעם פארזוך פון די מינען באראנען צו שניידען זייערע לוינען און ברעכען יוניאנס. די פרעסע, מיט וועלכע די קאפיטאליסטישע פרעסע האט געזאגט פון דער דראמאטישער שפאלטונג צווישען די נאציאנאלע פיהרער פון די מיינערס און פרענק פארינגטאן, דער פרעזידענט פון די אילינאי מיינערס, איז אין גאנצען פארשוואונדען מיט דעם באשלוס פון דער קליוולאנדער קאנפערענץ ניט צו מאכען, אונטער קיינע אומשטענדען, קיינע באזונדערע לאקאלע אדער דיסטריקט אגרימענטס מיט מינען אייגענטימער. און פרענק פארינגטאן האט אפען ערקלערט, אז ער נעהמט אן דעם באשלוס פון דער מאיאריטעט, און די מיינערס פון אילינאי וועלען סטרייקען אזוי לאנג, ווי די מיינערס פון די אנדערע סטייטס. אין איינקלאנג מיט דעם באשלוס, איז אויך די קאנפערענץ, וואס איז אפגעהאלטען געווארען צווישען די מיינערס און מינען אייגענטימער פון נארט־וועסט ווירדזשיניא אפגעבראכען געווארען. די הויפט־פאדערונג איצט איז, אז אן אגרימענט קען נאר געשלאסען ווערען אויף דעם זעלבען בארג, ווי די פריערע אגרימענטס, דאס הייסט, אז די מיינערס און די מינען־אייגענטימער פון די פיר הויפט פראדוצירענדע סטייטס: פענסילווייניא, אהייא, אינדיאנא און אילינאי זאלען צוזאמען אין קאנפערענץ אויסארבייטען אן אגרימענט.

די מינען מאגנאטען האבען רעוואלטירט. זיי ווילען ניט קיינע קאנפערענצען. זיי ווילען א סטרייק. די רעגירונג איז הילפלאז, און קען בשום אופן ניט צווינגען די קוילען מאגנאטען צו פארהאנדלען מיט די מיינער. און די פרעס? זי פרובירט צו בארוהיגען דעם פובליקום, אז דאס פובליקום וועט חלילה ניט דארפען ליידען. עס וועט זיין גענוג קוילען, טרייסט די פרעס. ערשטענס, האבען עקספערטען אויסגערעכענט, אז מיר, דאס פובליקום, האבען נאך קוילען אויף גאנצע זעקס וואכען. און, צווייטענס, וואו זיינען עפעס די ניט־ארגאניזירטע מיינערס, דאס הייסט, וואו זיינען די סקעבס? וועגען דער גערעכטיגקייט פון דעם געפלאנטען סטרייק לוינט זיך נאר ניט צו ריידען. וועגען די ליידען און הונגער, וואס דער סטרייק וועט פאראורזאכען, דאס געוויס ניט. ערשטענס, איז דאך דאס אזוי קלאר אז די מינען־מאגנאטען האבען אפגעבראכען זייער אגרימענט מיט די מיינערס. זיי האבען זיך אפגעזאגט פון אונטערהאנדלען מיט זיי. מען קען דעם סטרייק אנרופען א לאקאוט. דערפאר געפינט די פרעס פאר געזינטער צו שווייגען וועגען דעם, און פארדרייען די ציהען דער פובליקום וועגען איהר באקוועמליכקייט, אקוראט ווי דאס וואלט געווען די הויפט־פראגע פון קאמף.

די קליוולאנד קאנפערענץ האט אויך באשלאסען ארויסצורופען אין סטרייק די 200,000 ניט־ארגאניזירטע מיינערס. פון די בעריכטען פון דיסטריקט פיהרער אין די פארשידענע טיילען פון לאנד, איז צו גלויבען, אז זיי וועלען פאלגען דעם רוף פון דער יוניאן, ווייל די אומשטענדען פון די ניט־יוניאניזירטע מיינער זיינען פיל ערגער, זייערע ווידזשעס — א סך קלענליכער, ווי די פון די ארגאניזירטע ארבייטער. דעם באשלוס פון דער קליוולאנד קאנפערענץ האבען, ווי עס ווייזט אויס, די קוילען באראנען און די פרעס ניט ערווארטעט, ווייל זינט די מיינערס האבען באשלאסען צו סטרייקען, האבען די פרעס־אגענטען פון די קוילען־אינטערעסען אלץ געפראוועט ווייזען מיט ציפערען, וויפיל די ניט־ארגאניזירטע מיינערס וועלען פראדוצירען.

דער באשלוס, פארשטעהט זיך, גילט נאר אין באצוג צו די ווייכע קוילען־גראבער. די הארטע קוילען־גראבער זיינען א הונדערט פראצענט ארגאניזירט, און עס איז ניטא קיין ניט־ארגאניזירטע מיינער אויף א רפואה. דאס איז דערפאר, ווייל די הארטע קוילען קריגט מען נאר אין איסט פענסילווייניא און די אינדוסטריע איז קאנטראלירט ביי איין טראסט. די ווייכע קוילען בערג זיינען צעזייעט איבער 20 סטייטס, און די אייגענטימער זיינען עטליכע מאל אזוי פיל. דערפאר איז דער קאמף פון די ווייכע קוילען־גראבער א סך א שווערערער.

די טעג וועט אין קאנגרעס פארגעשלאגען ווערען א ביל צו אונטערזוכען די קוילען־אינדוסטריע. אזעלכע בילס זיינען שוין עטליכע מאל פארגעשלאגען געווארען אין סענאט. און דאך האט עס געלינגען יעדעס מאל די קוילען־אינטערעסען צו דערשטיקען אזא פאדערונג. יעדער פארזוך אויסצוגעפינען ווער אין דער אמת'ען זיינען די אייגענטימער פון די מינען, וואס זיינען די פראפיטען פון דער אינדוסטריע, האט זיך אויסגעלאזען מיט נאר נישט. עס קלינגט משונה'דיג, אבער עס איז א פאקט, אז די קוילען־אינדוסטריע, אויף וועלכער דאס וואוילזיין פון פאלק הענגט אפ, איז אנגעפיהרט געווארען ביי אינטערעסען און אין א וועג, פון וועלכע ניט די רעגירונג און ניט דאס פאלק האט אן אהנונג. וואס מען ווייס איז — און מען דארף דאס גיבען איע צו, — אז עס איז דא מעהר אינקאמפעטענץ, מעהר פארלוסט אין דער קוילען אינדוסטריע, ווי אין יעטווידער אנדער אינדוסטריע. און די רעגירונג קען גאר ניט טאן צו קאנטראלירען אדער אפילו אויסצוגעפינען פאקטען וועגען דער אינדוסטריע.

אויב מען ווייס ניט אקוראט, ווער און ווי אזוי די קוילען אינדוסטריע איז קאנטראלירט; אויב די ביכער פון די קוילען־אייגענטימער זיינען פארמאכט פאר דער רעגירונג און דאס פובליקום, ווייס מען אבער ווער עס זיינען פאראינטערעסירט אין דער אינדוסטריע, ווער עס זיינען די גרויסע געברויכער פון קוילען. דאס זיינען די שטאהל טראסטס און די אייזענבאהנען. ווי דער שטאהל טראסט האנדעלט בנוגע צו יוניאנס, איז גוט באוואוסט. עס איז אויך ניט באקאנט, אז די פינאנציעלע אינטערעסען — וואל סטריט — האט פאר די לעצטע פאר יאהר אנגעפיהרט דעם אפען שאפ באוועגונג און האט אויך געצווינגען מאנופעקטשורערס צו שניידען ווידזשעס פון די ארבייטער. פרעזידענט סעמועל גאמפערס האט די טעג ארויסגעגעבען א סטייטמענט שטארק אטאקירענדיג די שטאהל טראסטס, די אייזענבאהן אינטערעסען און וואל סטריט, וועלכע זיינען פאראנטווארטליך פאר דעם געפלאנטען סטרייק, און ער נעהמט ארויס אפען און קלאר פאר דעם סטרייק.

ווארען ס. סטאן, פון דער בראדערהוד אף לאקאמאטיוו אינזשינירס, און וו. דזש. ליע, פון דער בראדערהוד אף ריילוויי טריינמען, האבען זיך ערקלערט פאר שטיצען די מיינערס. ביי דעם שרייבען איז נאך ניט באוואוסט, ווי אזוי די שטיצע וועט זיך אויסדריקען, צי עס וועט זיין פינאנציעלע אליין, צי זיי וועלען זיך אפזאגען צו פיהרען קוילען, וועלכע ווערען געגראבען פון סטרייק־ברעכער. אין וועסט ווירדזשיניא האבען די אייזענבאהן ארבייטער אויפגעפאדערט זייערע פיהרער צו ערלויבען זיי ארויסגעהן אין א סימפאטי סטרייק. אייזענבאהן ארבייטער פון אנדערע קוילען סטייטס פלאנעווען ווי אזוי צו העלפען די מיינערס אין זייער קאמף.

דער סענאט הייסט גוט דעם „פיער־מעכטע" בונד.

לעצטען פרייטאג, דעם 24טען מערץ, האט דער סענאט ראטיפיצירט דעם אפמאך צווישען אמעריקא, ענגלאנד, פראנקרייך און יאפאן אין באצוג צו זייערע אינטערעסען אין פאציפישען אקעאן און ווייטען מזרח, וואס איז געשלאסען געווארען אויף דעם אנטוואפנונגס קאנפערענץ. פריהער אדער שפעטער האט אמעריקא זיך געמוזט שיידען מיט דער בארימטער מאנרא דאקטרין פון איזאלירונג און אריינטרעטען אין דער וועלט־פאליטיק. אבער אנשטאט צו ווערען א מיטגליד פון א פעלקער־פארבאנד, ווי פילע ליבעראלען האבען געהאפט, איז זי אריין אין א באנדע פון דורכגעטריבענע דיפלאמאטען און אימפעריאליסטען.

דער אפמאך, ווי דער סענאט האט עס אנגענומען, לעזט זיך ווי אלע דיפלאמאטישע אפמאכען, וועלכע מען גיט ארויס פאר'ן פאלק. מען זאגט זיך צו איינע די אנדערע צו „רעספעקטירען" די „רעכטע", און פאל פון א סכסוך, זאל מען עס פרובירען אויסגלייכען דורך קאנפערענצען. די מיליטערישע פארזיכערונגען, די עקאנאמישע און פאליטישע „רעכטע" — דאס בלייבט א דיפלאמאטישער סוד. דער [illegible] צוברענגען די פאקטען פון דעם אפמאך, איז דערשטיקט געווארען פון דער רעגירונג. דער סוף איז געווען, אז דער סענאט האט אראפגעשלוגען אין גאנצען די טריטי, ווי די רעגירונג האט עס צוגעפערטיגט. עס זיינען אפילו פארגעבראכט געווארען 31 אמענדמענטס, אבער 30 פון זיי האט מען דער'הרג'עט, און דער איינציגער [illegible] אמענדמענט, וועלכער פארטייטשט די טריטי, אז דער פארבאנד איז ניט קיין פארבאנד אין א מיליטערישען זין, איז אנגענומען געווארען. אבער סעקרעטארי יוהז האט גלייך ערקלערט, אז די פארטייטשונג פון סענאט וועט ניט האבען קיין ווירקונג אויף דער טריטי, ווי די דיפלאמאטען פארשטעהען עס.

באריכטען קומען פון די אנדערע פארטנערס, יאפאן, ענגלאנד און פראנקרייך, אז דער אפמאך וועט אין גיכען פארגעבראכט ווערען אין זייערע פארלאמענטען. די ענגלישע און יאפאנישע רעגירונגען וועלען, ווי עס ווייזט אויס, איינרעדען זייערע פארלאמענטען צו ראטיפיצירען די טריטי, פונקט ווי אונזער סענאט האט עס געטאן. מיט פראנקרייך איז אבער די זאך אנדערש. זינט דער אנטוואפנונגס־קאנפערענץ האט זיך אין פראנקרייך איבערגעביטען די רעגירונג. אנשטאט בריאן איז איצט פואנקארע דער פרעמיער. די פראנצויזישע פאליסי האט זיך א קער געטאן רעכטס. זי איז געווארען מעהר שאוויניסטיש, מעהר רעאקציאנער, מעהר מיליטאריסטיש. און איצט ווייזט זיך פראנקרייך אויף א גרויסען פלאט. אין פארלאמענט און אין דער פרעסע איז אויסגעוואקסען א ליארעם, אז מען האט די פראנצויזישע דעלעגאטען אפגענארט אויף דער וואשינגטאן קאנפערענץ, אז די פראנצויזישע דעלעגאטען האבען פארראטען פראנקרייך. וואס זי וויל איז א גרויסע ארמיי און א גרויסע פלאטע. קיינע אפמאכען טארען ניט באגרעניצען פראנקרייך צו בויען נאך און נאך קריגסשיפען. און אזוי ווי דער אמעריקאנער סענאט האט אנגענומען אן אמענדמענט, זוכט איצט פראנקרייך צו רעווידירען די טריטי אזוי, אז פראנקרייך'ס אמביציע צו ווערען די גרעסטע מאכט ביי אויפ'ן לאנד און ביי אויפ'ן ים זאל בשום אופן ניט באגרעניצט ווערען.

אירלאנד ווידער אויפ'ן טאגעס־ארדנונג.

ווען דער פרידענס אפמאך צווישען ענגלאנד און אירלאנד איז געשלאסען געווארען מיט עטליכע וואכען צוריק האט דאס ניט געמיינט אז די איירישע פראגע איז געשלאסען. דער אלטער קאמף צווישען זיד אירלאנד און אלסטער, דער אינדוסטריעלער, פראטעסטאנטישער געגענד, האט אויף דאס ניי אויסגעבראכען.

אנגעפאנגען האט זיך דער איצטיגער קאמף אויף דעם געוועהנליכען שטייגער. א קאטוילישע פאמיליע איז ערמארדעט געווארען פון פראטעסטאנטישע פאטריאטען. אין אירלאנד איז דאס אן אנגענומענע טאקטיק פון די צוויי קריסטליכע סעקטען צו מארדען איינע די אנדערע. דער רעליגיעזער קאמף צווישען די קאטאליקען און פראטעסטאנטען אין אירלאנד האט עקאנאמישע און פאליטישע ווארצלען. פראטעסטאנטישע אלסטער, וואס איז דער אינדוסטריעלער צענטער פון אירלאנד, פיהרט אן א ביטערען קאמף געגען יעדער באוועגונג פון אירלאנד פאר זעלבסט־באשטימונג. די באנקירען און די מאנופעקטשורערס, וועלכע זיינען הינטער דעם קאמף, טענה'ן, אז זיי האבען וועניג וואס צו טאן מיט דער צוריקגעשטאנענער, אגריקולטורעלער אירלאנד, אז ניינציג פראצענט פון זייערע געשעפטען טוען זיי מיט דער אויסערליכער וועלט. דערפאר האט אלסטער ניט גענומען קיין אנטייל אין די ענגליש־איירישע פארהאנדלונגען, און דערפאר וויל זי ניט זיין אונטערווארפען דעם פרייען שטאאט פון אירלאנד. אבער דאס ריידען נאר די באנקירען און די מאנופעקטשורערס. די פראגע זיך צו פאראייניגען מיט אירלאנד אדער בלייבען אויסער אירלאנד, מיט א באזונדערען פארלאמענט און א באזונדערער רעגירונג מוז באשלאסען ווערען פון פאלק.

אין דער צייט ווען א פארשטענדניש צווישען די צוויי שטרייטענדע צדדים האט געדארפט אויסגעארבייט ווערען, האט אויסגעבראכען א בלוטיגער אנפאל אויף די קאטאליקען אין בעלפאסט, די הויפט שטאדט פון אלסטער. די קאטאליקען ווערען אויך באיקאטירט. מען זאגט זיי אפ פון שטעלען. מען פארהאנדעלט מיט זיי ניט. די לאגע איז געווארען אזוי ערנסט אז די ענגלישע רעגירונג האט איינגעלאדען מייקעל קאלינס, דעם הויפט פון דעם פרייען שטאאט פון אירלאנד, און דזשיימס קרעיג, דער פרעמיער פון אלסטער, צו א קאנפערענץ אין לאנדאן. ביי דעם שרייבען האט זיך נאך די קאנפערענץ ניט אנגעפאנגען און מען קען ניט וויסען מיט וואס זי וועט זיך ענדיגען.

אין דעם לאגער פון זיד אירלאנד איז אויך ניטא קיין אייניגקייט. מייקעל קאלינס איז דער הויפט פון דער פראוויזארישער רעגירונג אין דאבלין. דעוואלערא פיהרט אן א קאמף געגען קאלינס און איז פאר אן איירישער רעפובליק. די טעג איז אויך אפגעהאלטען געווארען א געהיימע קאנפערענץ אין דאבלין פון דער איירישער רעפובליקאנער ארמעע. די קאנפערענץ איז ניט ערלויבט געווען ביי דער איירישער רעגירונג. אירלאנד איז דורכגעדרונגען מיט קאמף און אונאייניגקייט.

דייטשלאנד, די עליים און אמעריקא.

די דייטשע רעגירונג איז ווייטער אין גרויס פארלעגענהייט. זי ווייס ניט ווי אזוי זי קען אונטער די עקזיסטירענדע קלענליכע אומשטענדען צאהלען די אונגעהייערע, גרויסע סומען צו די עליים. האט די עליים רעפערייששאן קאמיטע אריינגעשיקט א בריוועלע צו דער דייטשער רעגירונג, אנווייזענדיג ווי זי קען עס טאן. דער בריוועלע איז אין דער פארמע פון אן אולטימאטום פון א הערשער, וועלכער האט ארויסגערופען ביטערניש אין דייטשלאנד. דער הויפט־פונקט פון דעם אולטימאטום איז, אז די דייטשע רעגירונג זאל איידער דעם סוף פון מאנאט מאי ארויפלעגען א שטייער אויף דאס דייטשע פאלק, וואס זאל אריינברענגען אין דעם יאהר 1922 זעכציג ביליאן מארקען. פון דער סומע זאלען די עליים קריגען 40 ביליאן מארקען. די דייטשע פרעסע, דער רייכסטאג ווי אויך די רעגירונג ערקלערען, אז די פאדערונג פון די עליים איז אן אונמעגליכע, ניט רעדענדיג שוין פון דער טיפער באליידיגונג אין דעם פארזוך פון די עליים צו דיקטירען די אינערליכע פאליסיס פון דייטשלאנד.

די עליים זיינען שוין געניט אין האנדלען מיט דייטשלאנד אין אזעלכע אומשטענדען. אבער איצט איז צוגעקומען נאך א פאקטאר. אמעריקא האט אויך אריינגעשיקט איהר ביל פון חובות, און זי פאדערט אז פון די געלדער, וואס ווערען קאלעקטעט פון דייטשלאנד, מוז אויך באצאהלט ווערען פאר אויפהאלטען די אמעריקאנער ארמעע אין דייטשלאנד. די סומע באטרעפט 241 מיליאן דאלאר. אזא פאדערונג האט פראנקרייך, דער הויפט, ניט ערווארטעט, און פרעמיער פואנקארע האט געפראוועט אנצווייזען, אז אזוי ווי אמעריקא האט נאך ניט ראטיפיצירט דעם שלום אפמאך, און אזוי ווי אמעריקא נעהמט ניט קיין אקטיווען אנטייל אין איינארדנען דעם עקאנאמישען לעבען אין איירופא, קומט איהר ניט קיין געלד און זי איז ניט בארעכטיגט אין איהרע פאדערונגען. סעקרעטערי יוהז האט אוועקגעשיקט א נאטע צו די אליאירטע רעגירונגען, האלטענדיג פעסט אן דעם שטאנדפונקט אז אמעריקא איז בארעכטיגט אין איהר פאדערונג.

די שטעלונג פון אמעריקע וועט געוויס האבען איהר ווירקונג, אויב עס וועט אנגעהאלטען ווערען. עס פארשטעהט זיך, די געלד איז ניט די הויפט־זאך אין דער אמעריקאנער שטעלונג. עס איז אויך צו גלויבען, אז אמעריקא וועט מיט דער צייט אין גאנצען אפמעקען פון איהר לייסטער די חובות וואס די עליים קומען איהר. זי וועט עס מוזען טאן, ווייל איירופא איז צו ארים צו צאהלען. אמעריקא ווייס עס. אבער זי וועט עס ניט טאן ביז וואנען זי וועט קריגען דאס, וואס זי וויל, ביז וואנען זי וועט אויסאיבען איהר עקאנאמישע איבערמאכט אין איירופא. אמעריקא'ס שטעלונג צו דער גענוא'ר קאנפערענץ, איהר זאגענאנטע ערקלעהרונג אז זי וויל ניט נעהמען קיין אנטייל אין דעם פאליטישען און עקאנאמישען לעבען פון איירופא איז ניט קיין ערנסטע.

ווי עס איז צו זעהן פון סעקרעטערי יוהז'ס נאטע צו די אליאירטע רעגירונגען, איז אמעריקא זעהר שטארק פאראינטערעסירט אין דער פינאנציעלער לאגע פון איירופא. דאך זאגט זיך אמעריקא אין גאנצען אפ פון דער גענוא'ר קאנפערענץ, וואו די פראגע וועט אויפגענומען ווערען. עס ווייזען זיך שוין סמנים אין דער וואשינגטאנער רעגירונג פון א מעהר פריינדליכער שטעלונג צו דייטשלאנד. די פאליסיס פון אמעריקא איז פול מיט ווידערשפרוכען. אין איין זאך איז זי אויסגעהאלטען. דאס איז, איהר פיינדליכקייט צו דער סאוועט רעגירונג.

דאנקען און פרעזענטירען דעם שאפ־טשערמאן.

מיר, די ארבייטער פון דער פירמע אראן גאלדשטיין, פון 12 וועסט 27טע סטריט האבען אויף א גוט באזוכטען מיטינג, שבת דעם 18טען פעברואר, אונטער דעם פארזיץ פון ברודער קעסט[illegible] באדאנקט אונזער שאפ טשערמאן אברהם סאקאפסקי, פאר זיין גוטער ארבייט אין שאפ און מיר האבען איהם פרעזענטירט מיט א דיימאנד פין.

מיר האפען, אז ער וועט ווייטער טאן זיין ארבייט ווי ביז יעצט.

די קאמיטע:
אברהם ראקאנאוויטש,
לואיס קאפלאן,
לואי קאהען,
הערי דאליאנסקי,
היימאן מינען,
סעם פענלער,
סעם ווידער.

די אויפגאבען פון די דעלעגאטען אויף דער קומענדער קאנווענשאן

פון ארטור ס. [illegible]

[illegible]

[illegible] דער קונסט פון אינטערנאציאנאל קאנ־
ווענשאן ווי צו דיסקוטירען. די, וועלכע
האבען ברעה צו זיין דעלעגאטען צו דער
קומענדער קאנווענשאן וואלטען זיך גע־
מוזט פארטראכטען בייצייטענס אין דיי־
זער וויכטיגסטער פון אלע פראבלעמען,
כדי אז זיי זאלען קומען צו דער קאנווענ־
שאן מיט מעהר אדער ווייניגער קאנקרע־
טע אידעען וואס זיי ווילען.

עס איז אהן א צווייפעל דרינגענד נוי־
טיג אנצושטרענגען אלע אונזערע כוחות
צו באשיצען די פאזיציעס וועלכע מיר
האבען ביז איצט געוואונען. די פראגע
שטעלט זיך נאר, וועלכער איז דער ווירק־
זאמסטער וועג דאס אויסצופיהרען?

נאך מיין ערפאהרונג וועלען אונזערע
ביז איצט געוואונענע קאנדיראטען ניט
זיין געזיכערט אזוי לאנג ווי עס געפינען
זיך גרויסע טיילען פון אונזער אינדוס־
טריע נישט ארגאניזירט. כל זמן עס וועי־
לען פאראן שעפער סיי אין שטאדט, סיי
אין דער פראווינץ נישט קיין ארגאני־
זירטע, וועלען אונזערע יוניאן שעפער ניט
זיכער מיט דעם מארגען. דער איינציגער
ווירקזאמער וועג אויפצוהאלטען די
געוואונענע פאזיציעס איז צו זיין שטענ־
דיג אויף דער וואך, אנצופיהרען א שטענ־
דיגע ארגאניזאציאנס אקטיוויטעט סיי
אין שטאדט סיי אויסער דער שטאדט.
ווייס אז דאס שמעקט מיט א ריזי־
קאן עקספענס, און אז די שאנסען פאר
משפט'דיגע רעזולטאטען וויינען ניט
קיין גלענצענדע. מיין ערפאהרונג
האט מיך אבער געלערנט אז ארגאניזאצ־
יאנס ארבייט איז אם בעסטען פאל ניט
קיין פראפיטאבעלע, פון דעם שטאנד־
פונקט פון דאלארס און סענטס. און דאך
איז ארגאניזאציאנס ארבייט דער בעס־
טער אינוועסטמענט וואס א יוניאן קען
מאכען. ווען אפילו די ארגאניזאציאנס
אקטיוויטעט באווייזט נישט אריינצו־
ברענגען נייע מיטגלידער אין די רייהען
פון דער יוניאן איז די ארבייט דאך דער
איינציגער מיטעל צו באשיצען די פון־
ריהער געוואונענע פאזיציעס.

ווען א ארגאנייזער טוט נאר זיין
פליכט און פרובירט און אגיטירט די ארבייטער
אין די נים־יוניאן שעפער זיך צו
ארגאניזירען און זיך אנשליסען אן א
ארבייטער קערפערשאפט, איז אפילו, ווען
די ארבייטער פון אזעלכע פאבריקען פאל־
גען נים זיין ראט, ווייזען די בעלי בתים
פון אט די שעפער דאך זעהר אונרוהיג
און וואגען נים איינצופיהרען דעם שקלא־
פען־סיסטעם וועלכען עס גיט זיך זיי איין
איינצופיהרען ווען קיין ארגאניזאציאנס
אקטיוויטעט ווערט נישט אנגעפיהרט
צווישען זייערע ארבייטער. אט דערפאר
טוען זיי, די באסעס, אלעס מעגליכע די
ארגאנייזערס צו שטערען אין זייער ארבייט.
און וואס מעהר שטערונגען זיי
מאכען אלץ מעהר אויפמערקזאמקייט
שענקען זיי דער ארגאניזאציאנס אקטי־
וויטעט. און דאס האט סוף כל סוף די
געוואונשטע ווירקונג אויף די ארבייטער,
וועלכע לאזען זיך אזוי שטארק
בעטען זיך צו פארבעסערען זייער לאגע.
א יוניאן, וועלכע טוט קיין ארגאניזאצ־
יאנס ארבייט נישט, פונקציאנירט נישט,
און פארלירט מיט דער צייט איהר עקזיס־
טענץ בארעכטיגונג. ארגאניזאציאנס־
ארבייט איז די וויכטיגסטע אויפגאבע פון
א יוניאן. און די קאסטען פון אט דער

[illegible]

פאר די אויבענדערמאהנטע קערפער־
שאפטען צו בלייבען [illegible] אין מיר
באזונדערע אינטערנאציאנאל יוניאנס, מיר
באזונדערע קאנינגרייכס, איז א פארשווענ־
דעריש און אומנוצער פון דעם שטאנד־
פונקט פון ווירקזאמער ארגאניזאציאנס־
ארבייט.

די נארעל־טרייד אליינס, וועלכע איז
באשאפען געווארען ביי דער לעצטער
קאנווענשאן, האט נאך דערווייל נישט
אנגעפאנגען פונקציאנירען. און איך
זעה קיינע אויסזיכטען אז זי זאל ווען
עס איז אנהויבען צו פונקציאנירען.
די צוזאמענשמעלצונג פון אלע קליי־
דער יוניאנס אין איין גרויסער, מעכטי־
גער קערפערשאפט מיט א מיטגלידער־
שאפט פון אומגעפעהר א האלבען מיליאן
ארבייטער וועט פארשטארקען יעדען איי־
נציגען צווייג פון דער קליידער אינדוס־
טריע, און אמאלגאמיישאן וואלט פאר־
אייניגט די ארגאניזאציאנס מעהיגקייט
פון אלע פיר יוניאנס, און אויך א קאנ־
צענטרירטע, געמיינשאפטליכען אומ־
מעגליך געמאכט די סוף כל סוף'דיגע
יוניאניזירונג פון אלע ניט־ארגאניזירטע
ארבייטער אין דער קליידער אינדוסטריע.
די אויבערשטע צוויי פונקטען, כאַ־
טשע ניט זעהר גרינדליך בארערט, ווייזען,
נאך מיין מיינונג, די איינציגע און די
ווירקזאמסטע מיטלען צו מאכען מעגליך
אויסצוקעמפען נייע פארבעסערונגען אין
אונזער לאגע, און אויך צו פארזיכערען
די באשיצונג פון אונזערע ביז־איצט גע־
וואונענע פאזיציעס.

עס וואלט געווען ווינשענסווערט צו
הערען אויך די מיינונגען פון אנדערע
מעמבערס איבער די אויבענדערמאהנטע
פונקטען.

א פאר ערנסטע ווערטער צו די פרעסערס פון לאקאל 35

[illegible]

[illegible] ווארען געווארען אויף צווי
טיילען; די ערשטע טייל איז פון אונז
געשטעלט געווארען אויסגעצייכענט, די
קעמפער וועלען געווארען זעהר ענערגיש,
מוטיג, קאמפאלוסטיג, און די ענדע פון
דעם ערשטען אקט איז געווען אויסער־
געוועהנליך שעהן אינטערעסאנט, אזוי אז
פילע, פילע האבען געגלויבט, אז מען
וועט זיך שוין מעהר נים דארפען שלא־
גען. אבער ווי עס ציינט זיך ארויס,
וועלען מיר נאך דארפען שפילען דעם
צווייטען אקט. און אונז שיינט, אז דאס
מאל וועט זיך גוישטען נאך מעהר ענער־
גיע, מעהר הארמאניע, מעהר מוט און
קאמפאלוסטיגקייט ווי פריהער. מען
וועט דארפען מאכען דעם „פינישינג
מאטש“, און אבוועהל מיר ווייסען, אז
די קלאוקמאכער, ווען עס קומט צו קעמ־
פען, ווערען נענג ענערגיש, מוטיג און
קאמפאלוסטיג. אין אבער אבסאלוט
נויטיג, אז די יוניאן זאל האבען די געלד־
מיטלען, ווייל אהן דעם קען מען זיך
פשוט נים א ריהר טאן. די צייטען, ווען
מען האט געקענט סטרייקען אהן געלד
וועלען שוין אוועק.

ווער פון אונז געדענקט ניט די גרוי־
סע שעהנע קלאוקמאכער באַק אין הער־
ניגמאן האל, אין צייט פון לעצטען
סטרייק; יעדער סטרייקער איז זיך גע־
קומען מאנטאג אדער דינסטאג נעמען א
פאר דאלאר און עס האט נים געמאכט
דעם איינדרוק, אין קיין פאל, אז דא
קומען אויסגעמוטשעטע סטרייקערס נאך
הילף, ניין! עס האט ניכער געמאכט
דעם איינדרוק, אז יעדער קומט זיך אין
זיין איינענער באנק אויסלייהען א פאר

[illegible]

[illegible] דער קאנווענשאן, און סיי צו דער רעי־
ליף קאמיטע.

[illegible] פון מיטגליד לאקאל,
[illegible] זאל דא
[illegible] אונזערע קאמפיינס
[illegible] אונז נ־
[illegible] אין די ראטען פון דיזען
[illegible] בכלל, ביי
אונז האט מען [illegible] נים געגלויבט,
אין דער [illegible], אז כדי אליין ער־
וועהלט צו ווערען איז נויטיג אויסצו־
ניסען א פאמיליע אויף יענעם. גע־
וועהנליך טרייבט יעדער קאנדידאט ער־
וועהלט צו ווערען, אבער אויף אן אנ־
שטענדיגען אופן. ביי אונז האט קיינער
זיך נים ערלויבט אויסצוליאזען שמוציגע
ליפלעטס, ווי אנדער האבען דאס געטאן,
און נאך אנדערע זאכען. אונזערע מעמ־
בערס האבען אלע מאל געקוקט קרום
אויף די אלע זאכען. ביי אונז ווען
מענשען אלע מאל ערוועהלט געווארען
נאך זייערע פארדינסטען, נאך זייער אי־
בערגעבענהייט צום לאקאל. לאמיר הא־
פען, אז אויך דאס מאל וועלען מיר נים
ברעכען אונזער מנהג.

מיר פאדערען דערום אויף אלע אונ־
זערע מעמבערס צו קומען און נעמען אנ־
טייל אין די וואהלען און אויסקלייבען
די פאסענדסטע פערזאנען, וועלכע זיי
רעכען אז זיי וועלען אם בעסטען פאר־
טרעטען די מעמבערס. ווייל דיזע קאנ־
ווענשאן וועט זיין זעהר א וויכטיגע.

פאלגענדע זענען אונזערע קאנדידא־
טען צום קאנווענשאן:

סליטצקי, מענעדזשער פון אינדער־
פענדענט דעפארטמענט.

פיליפ לעווין, טשערמאן פון לאקאל.

ה. בארענשטיין, סעקרעטער עקזע־
קוטיוו באארד.

ר. ווייסמאן, דזשאינט באארד מעמ־
בער.

דזש. גאלד, ביזנעס איידזשענט.

ה. לעווין, ביזנעס איידזשענט.

מ. קאראלינסקי, ביזנעס איידזשענט.

ל. לאנגער, סעקרעטער דזשאינט באארד.

פיליפ גאטליב, אקטיווער עקזעקיוטיוו באארד מעמבער.

דזש. ברעסלאוו, מענעדזשער פון לאקאל.

מאקס קאהן, עקזעקוטיוו באארד מעמבער.

דזש. גאלדבלאט, אקטיווער מעמבער פון דער יוניאן.

יעלין, אקטיווער מעמבער.

י. הענדעלמאן, אקטיווער מעמבער.

ווילער, אקטיווער מעמבער.

שנאופער, אקטיווער מעמבער.

וווערשינסקי, אקטיווער מעמבער.

רובינשטיין, אקטיווער מעמבער.

פאלגענדע זיינען אונזערע קאנדידאטען צו דער רעליף קאמיטע

מ. סלאווין, העללער, באראן, וועפ־
רינסקי, סעם ביזהאף, ווילער, שנאפער,
ווינטער, מ. קאסטינסקי.

ווי איהר זעהט האבען מיר א גאנץ
שעהנעם צעטעל און אויך גוטע קאנדי־
דאטען פון וואס צו קלייבען. מיר הא־
פען, אז איהר וועט קומען און ערוועהלען
די סאמע בעסטע.

דזש. ברעסלאוו,
מענעדזשער.

א ווארט צו די מיטגלידער פון לאקאל 60

דעם ערשטען אפריל ווערט א יאהר
זינד אונזער דרעס און ווייסט פרעסערס
יוניאן, לאקאל 60, האט אנגעהויבען פונק־
ציאנירען.

ווען בר. ס. ווירטמאן האט אונז איינ־
סטאלירט אלס לאקאל, האט ער אונז גע־
זאגט, אז די גענעראל עקזעקוטיוו באארד
האט באוויליגט דעם טשארטער אויף א
פראבע ביז דער קאנווענשאן. און אום
די קאנווענשאן זאל גוטהייסען דעם
טשארטער, מיר זאלען בלייבען אלס א
באזונדער לאקאל, וועלען מיר דארפען
ציינען די ארבייט וואס מיר האבען אויס־
געטאן פאר דער צייט ביז דער קאנווענ־
שאן. און יעצט ווילען מיר אונטערציהען
דעם סך הכל פון דעם וואס עס איז אויס־
געטאן געווארען אין דיזער קורצער און
אויסערגעוועהנליך שלעכטער צייט אין
אונזער אינדוסטרי.

ווען מיר האבען ווידער גענומען די
רעקארדס פון די פרעסערס געוועזענעם
לאקאל 25 האבען מיר געפונען בלויז פון
600 ביז 700 מעמבערס. און ווייסענדיג
דאס אין אונזער אינדוסטרי דארף זיין ביי
2,000 פרעסערס, האט די עקזעקוטיוו
באארד זיך גלייך גענומען אריינצוקריגען
די אויסען געבליבענע פרעסערס. און
אויף דעם געביט האבען מיר געמאכט
גרויסען פארטשרים. מיר האבען היינט־
צוטאג איבער 1300 גוטשטעהענדע מיט־
גלידער.

דער לאקאל האט אויך אפגעשאפט
דאס אווערטיים ארבייטען פון אונזערע
מעמבערס, צוליב וועלכען מיר פלעגען
אלע מאל האבען א גרויסע צאהל פרע־
סערס וועלכע האבען קיין ארבייט ניט גע־
קענט קריגען. מיר האבען אויך אנגע־
ווענדעט אלע אונזערע קרעפטען ניט צו
דערלאזען דאס אונזערע פארדינסטען זא־
לען ארונטערפאלען אונטער דעם דרוק
פון די שלעכטע צייטען. און אזוי זענען
די סטאנדארדס, וועלכע מיר האבען ער־
אבערט אין די עטליכע גוטע יאהר, פאר־
בליבען אומבארירט. אונזער מעמבער־
שיפ, ווייסענדיג דאס דער לאקאל שטעהט
אויף דער וואך אפצוהיטען זייערע אינ־
טערעסען, האבען מיט באגייסטערונג
אונטערשטיצט און דורכגעפיהרט אלע
באשלוסען פון דער עקזעקוטיוו באארד.

און דער פאקט דאס דער 10 דאלאר
טעקס איז באלד איינגאנצען איינגעצאהלט
נים קוקענדיג אויף שלעכטע צייטען, און
וואס די מעמבערס קאנען דיזען טעקס
אויסצאהלען ביז דעם קומענדען יונ' באַ־
ווייזט, דאס אונזערע מעמבערס זענען
פאראינטערעסירט מיט דעם גאנצען
ערנסט דאס אנדערע זאלען פארבלייבען
אלס איין פערמאנענטע ארגאניזאציאן.
און איך דענק, דאס אונזערע דעלעגאטען
צו דער קאנווענשאן וועלען קענען מיט
שטאלץ רעפרעזענטירען אונזער לאקאל
מיט זיין ארבייט אויף דעם פעלד פון
ארגאניזאציאן און אויך מיט זיין פי־
נאנציעלען צושטאנד אין אזא קורצער און
שלעכטער צייט.

עס בלייבט נאר דאס אנדערע מעמ־
בערס זאלען טאן זעהר פליכט און קומען
זיך באטייליגען אין די וואלען פאר דעלע־
גאטען וועלכע וועלען אפגעהאלטען ווערען
מיטוואך, אפריל דעם 12טען א גאנצען
טאג אין אונזער אפיס 16 וו. 21טע סט.

קארעקשאן

און ערוועהלען די פאסיגסטע קאנדידא־
טען.

קארעקשאן: — איך וויל דא אויפ־
מערקזאם מאכען אויף א זעהר פארדרים־
ליכען דרוק־פעהלער, וואס האט זיך לעצ־
טע וואך אריינגעכאפט אין דעם רעפארט
פון אונזער לאקאל. אין דער קיים פון
ברודער וואסילעווסקי האט זיך אריינגע־
כאפט דער נאמען פארבער אנשטאט
פ א ר ע ר. איך ערקלעהר, אלזא, אז דאס
איז א טעות פון דרוק, דאס ברודער פאר־
בער האט מיט דער קיים גארנים געהאט
צו טאן.

מ. שעכטער.

מיטינג פון דזשאינט באארד פון דער ניו יארקער קלאוקמאכער יוניאן

ווייטער פעסע.

כאטש ווי איינפאכערט, דאס זיי האבען גיטנעסייפען די פיעטשען פון דעם באארד איין בייעסטשער פון דעם טעטען מיטינג אין די פיעטשען פון דזשאינט באארד פון וועט מארטש.

זאגער 11 פאראגנט פון דזשאינט באארד צוויי רעזאלוציען צו „פיפערדייווען" ווערט יאריגע פאר רעזאלוציען צו אינזער היגענדער קאנווענשאן. יעדע ליאקאל ווערען פאראגנט ווינטען, דעם טאקען מיטינג.

דער פאראגנט ווערט גיטנעסייפען און די בייער בעיסאן אין טויאנציעט ווערען אפאינטעד.

זאגער 17 איינפאכערט, דאס ברודער א. גאלדין איז ערוועהלט געווארען צום דזשאינט באארד אויף דעם פלאץ פון א. ראזט. דער ברודער ווערט צוגעזאגט.

זאגער 12 אין 13 איינפאכערט, אז זיי האבען גיטנעסייפען די פיעטשען פון דזשאינט באארד פון אלע צ[illegible] ציינען.

„די פאראייניגטע ישטאט און אייזען ארבייטער פון נארט אמעריקא" פאראגנען פינאנציעלע שטיצע. אין דעם צושריפט, אין וועלכען זיי פאראגנען שטיצע, ווערט געזאגט, אז א טייל פון זייערע ארבייטער זיינען שוין אין סטרייק זייט דעם אטען דעצעמבער, 1920.

דער פאראגנט ווערט איבערגעגעבען צו דער פינאנץ קאמיטע.

„דער סענטראל טרייד און לייבאר קאונסיל" פאראגנט א קאמיטע פון צוויי צו א קאנפערענץ וועגען דער ענגלישער „קאר". אין צושריפט ווערט געזאגט, אז יעצט מעהר ווי אימער נייטיגען זיך די ארבייטער אין ניו יארק אין אן ענגלישער ארבייטער-צייטונג.

דער צושריפט ווערט גיטנעהייסען און די ברידער ב. קאפלאן און פ. אנ-שער ווערען אפאינטעד.

די סאציאליסטישע פארטיי רופט דעם דזשאינט באארד צו אן ערשטען מאי קאנפערענץ.

דער צושריפט ווערט גיטנעהייסען און די ברידער מעטץ און דובינסקי ווערען אפאינטעד.

דער „פארווערטס" לאדעט איין דעם דזשאינט באארד צו דעם באנקעט, וועלכער וועט געגעבען ווערען לכבוד דעם 25 יעהריגען יובילעאום פון „פאר-ווערטס". אין דער איינלאדונג ווערען פאראגנט צוויי פארטרעטער.

די איינלאדונג ווערט אנגענומען.

די העמפיין קאמיטע פאר דער ארץ ישראל ארבייטער באנק פאראגנט, אז דער דזשאינט באארד זאל קויפען שערס אין דער באנק.

דער צושריפט ווערט איבערגעגעבען צו דער פינאנץ-קאמיטע.

ספעשעל קאמיטע באריכט.

די קאמיטע צו פרעזענטירען איינינע אפיסערס פון דעם דזשאינט באארד באריכטעט, אז זיי האבען געהאט א מיטינג און זיי רעקאמענדירען, אז דער דזשאינט באארד זאל ספענדען פאר פרעזענטען $1200 דאלאר און די סומע זאל פאנאנ-דערגעטיילט ווערען ווי פאלגט:

פרעזידענט $150 דאלאר; ערשטער ווייס פרעזידענט $150 דאלאר; צווייטער ווייס פרעזידענט $125 דאלאר; די פינאנץ קאמיטע צו $125 דאלאר; און סעקרעטער עט ארים $125 דאלאר.

די רעקאמענדאציע פון דער קאמיטע ווערט גיטנעהייסען.

די פינאנץ קאמיטע באריכטעט, אז „די וואומענס טרייד יוניאן ליג" האט זיך געווענדעט פאר איהר יעהרליכער שטיצע און די קאמיטע רעקאמענדירט, אז די קערפערשאפט זאל געשטיצט ווערען מיט $50 דאלאר.

די פאלגענדע מעמבערס ווערען צוזאמענגעשטעלט דעם באארד אין דירעקטארס: דיווי, ווערטהיימער, ווירקין, זאסלאווסקי, גאלדשטיין, סטאנקעוויטש, גרינבערג, לעווין, מאליסאני, בריק און ראשינסקי.

די פאלגענדע מעמבערס וועלען צוזאמענשטעלען די גרייוענס קאמיטע: הארוויטץ, שמעטערער, אנשיק, רובין, גאלדין, קאנאל, ווייסבערג, קאטאניא, סיי-פעס און סאכסאן.

די פאלגענדע מעמבערס וועלען צוזאמענשטעלען די אפיל קאמיטע: ב. קאפלאן, פיטשערסקי, אטלאס, עטקין, בעצאהלער, פיטעא און רעסלער.

באריכט פון דער אבדזשעקשאן קאמיטע.

די אבדזשעקשאן קאמיטע באריכטעט אז זי האט אונטערזוכט די אבדזשעקשאן געגען דער גאנצער דעלעגאציע פון לאקאל 3 און די פארטיי ווי אזוי זיי זיינען ערוועהלט געווארען צום דזשאינט באארד. די קאמיטע ערקלעהרט, אז די דעלעגאטען פון לאקאל 3 זיינען געזעצליך ערוועהלט געווארען און זי רעקאמענדירט, אז די דעלעגאטען זאלען בלייבען זיצען ביים דזשאינט באארד.

די רעקאמענדאציע ווערט גוטגעהייסען.

ל. לאנגער, סעק.

אונטערהאלט פון אונזערע סטודענטען און לעהרער דעם שבת

(שלוס פון זייט 1)

פאר יוניאנס און אויך די באאמטע פון אונזערע יוניאנס.

א סך טיקעטס פאר דער שמחה'לע זיי-נען שוין באשטעלט געווארען און מען קאן ערווארטען, אז די אונטערהאלטונג זאל זיין גוט באזוכט. איינס איז זיכער, די וואס וועלען זיין דארט, וועלען געוויס נאך גוט פערברענגען. עס וועט זיין א זעהר אנגענעמער אווענט אין אלע הינזיכ-טען.

א קאמיטע פון די סטודענטען זיינען שטארק פארנומען שלעס פארצובארייטען, איינצוקויפען וואס צו צובייסען, צו דעקא-רירען די דיינינג רום און נאך אנדערע זא-כען. אויף דער אונטערהאלטונג ווערט ערווארטעט א גרויסער עולם.

איינער פון די רעדנער יענעם אווענט וועט זיין אן אנגעזעהענער גאסט, מר. אל-בערט מאנסברידזש, איינער פון די גרינ-דער פון „די וואירקערס עדיוקיישאן אסא-סיאיישאן" אין ענגלאנד. ער באזוכט איצט אמעריקא און ער וועט מיט גרויס צופרידענהייט זיין אונזער גאסט און וועט אדרעסירען דעם עולם. ער וועט רעדען איבער „ארבייטער בילדונג אין ענגלאנד". אנדערע רעדנער יענעם אווענט וועלען זיין מאגבע פון די לערער אין אונזער ארבייטער אוניווערזיטעט און יוניטי סענטערס, און פרעז. שלעזינגער און סעקרעטאר באראף. עס וועלען אויך רעדען מאנכע פון די סטודענטען.

עס וועט דורכגעפירט ווערען א מוזיקא-לישע פראגראם און עס וועט אויך זיין כאר זינגען פון גרופען סטודענטען. אין דער מוזיקאלישער פראגראם וועלען זיך באטייליגען מיט פרעגעס [illegible], סאפ-ראנא; מר. סאמועל באראף, פידעל שפי-לער און מיס סיידי חפץ, פיאניסטין.

אלעס איז פארבארייטעט, דאס די אונ-טערהאלטונג זאל טראגען אן אמת ברייטען גייסט, און דער עולם זאל זיך אמוזירען ווי אם בעסטען.

א קאמיטע פון די „ברוקוואוד סקול" וועלען זיין צווישען די געסט פון אווענט.

דער פרייז פון א טיקעט איז 35 סענט. דאס איז קוים גענוג צו דעקען בלויז א טייל פון די אויסגאבען. די וואס האבען נאך נים קיין טיקעטס, קאנען עס בעקומען היינט, פרייטאג, אין עדיוקיישאנאל דע-פארטמענט, 3 וועסט 16טע סטרים.

די קלאסען אין ענגליש ווערען פארגעזעצט אין די יוניטי סענטערס.

מיס מארגארעט דעניאלס וועט פארט-זעצען איהרע לעקטשורס איבער „די גע-שיכטע פון דער ארבייטער באוועגונג" דינסטאג אווענט אין הארלעם יוניטי סענטער, פאבליק סקול 171. זי וועט אויך פארזעצען איהרע „פסיכאלאגישע שטודיען" אין בראנזוויל יוניטי סענ-טער, פאבליק סקול 84, פרייטאג אווענט. די צוויי קורסען וועלען פארטגעזעצט ווערען נאך איינינע וואכען. די אנדערע קורסען, „עקאנאמיקס" און וועגען די טרייד יוניאן באוועגונג זיינען פאר דעם סיזאן שוין געענדיגט.

אונזערע קלאסען אין ענגליש וועלען אנגעהאלטען ווערען אין איינינע יוניטי סענטערס ביז דעם מאנאט מאי און אין איינינע ביז דעם מאנאט דזשון. עס איז צו ערווארטען, דאס אונזערע מיטגלידער וועלען עס ריכטיג אפשאצען און זיי וועלען זיך באנוצען מיט די קלאסען צו לער-נען די שפראך פון לאנד. עס איז זעהר וויכטיג, אז ווען מען לעבט אין א לאנד זאל מען קענען די שפראך.

עס וועלען אויך אנגעהאלטען ווע-רען די קלאסען פון „פיזיקאל טריינינג". (קערפערליכע איבונגען).

אין דער ריפער מאכער יוניאן לאקאל [illegible]

אויף, געלויבט איז זיין ליבער נא-מען, מיר זיינען שוין איבערגעקומען אלע עלעקשאנס, יעצט זיינען מיר ווי-דער מיט דער פריינדשאפט פון אלעמען און מיט דער גוט-ברודערשאפט פון יע-דען איינעם.

אן עלעקשאן אין א יוניאן קען פאר-גלייכט ווערען צו א ביסערען טייך פאר א מארשירענדער ארמעע, ווען פון יע-נער זייט טייך טראגט זיך א גוואלדי-גע שיסעריי פון שונא. עס שמעקט מיט נעפאהר.

די נעפאהר באשטעהט ניט אזוי פיל אין די צאהל קרבנות וואס מוזען פאלען אדער הורגפאלען, ווי מען רופט עס אויף דער פאליטישער שפראך, ווי אין דעם פארדרוס און די סימפאטיע פון דער גרויסער צאהל ווארימע אנהענגער פון די ליפענדע און הורגעפאלענע.

איינער געפינט א פנימ'לע אין דעם אויסשטעלען פון דעם באלאט. אח, — קרעכצט ער, — ווען דער באלאט וואלט געווען אויסגעשטעלט נאכ'ן אידישען אליף-בית און ניט נאכ'ן איי-בי-סי דאן וואלטען נאר געווען אנדערע רעזולטא-טען. אנדערע געפינען גענוג חסרונות אין דער עלעקשאן קאמיטע. א — טראגט זיך א כאר — ווען די עלעקשאן קאמיטע וואלט נאר געווען אומפארטיי-איש! — דאן וואלט זיכער אלעס אנ-דערש געשריבען געווארען אין דער היס-טאריע פון זיין ארגאניזאציע.

אט אזוי ארום קאכט זיך עס עלעק-שאן צייט. אן אטמאספערע פול מיט געהיימניסע וויקעלט איין יעדען יוניאן-אפיס. סידות, סודות אומעטום. מען פאראייניגט זיך, מען צוטיילט זיך, מען זאמעלט אן קרעפטען און מען פארלירט קרעפטען, פונקט ווי די צעלען אין זייער פארמעהרונג. דא איז ליכט און דארט איז שאטען, איינער שמייכעלט און איי-נער לעבט דורך די טראגישסטע מא-מענטען. הימעל! האר; באשעפער! וואס פאר א וואונדערבארע באשעפעניש דיין מענשעלע איז!

אט האבען מיר שוין באלד פארגע-סען דעם עניו. יע, וואס הערט זיך ביי די ריפער מאכער? וועלען מיר אין קור-צען באריכטען. מיר זיינען שוין ארי-בערגעפאהרען דעם גרענעץ. מיר זיינען שוין אריבערגעקומען א ל ע עלעק-שאנס. מיר האבען שוין אויך ערוועהלט דעלעגאטען צו דער קאנווענשאן. יעצט האבען מיר זיך אלע בארוהיגט. אלעס איז געווארען נארמאל און מיר זיינען ווידער אט דער לאקאל 17, אויף וועמען אלע פרעגען זיך נאך.

אמת, א גוטע יוניאן?

נאר ווער ס'איז ערוועהלט געווארען ווילט איהר וויסען? אט זיינען זיי (לויט דער צאהל שטימען):

דזשיי. העללער
אייב גאלדין,
לואיס גאלוב,
דזש. סטאנקעוויטש,
אייב בעלסאן,
אייב בערקאוויץ,
מאריס לעווענטהאל.

* * *

מיר האבען לעצטע וואך געמאלדען וועגען א שאפ, וואו אונזערע ארבייטער האבען געפייערט זייער זיג פון לעצטען גענעראל סטרייק ביי א באנקעט. מיר האבען אלע זאכען באשריבען מיט איינ-צעלהייטען, נאר איין זאך האבען מיר פארגעסען צו דערמאנען, אז די בעלי-בתים זיינען געווען די געסט פון די אר-בייטער ביי דיזען באנקעט.

אנטקעגען וואס דערצעהלען מיר עס? אט נעגען וואס. צו באווייזען די קללות פון קלאסען קאמף. דאכט זיך, ערשט נעכטען איז עס געווען, ווען די ארביי-טער האבען אזוי גוט פארבראכט מיט זייערע באסעס, אין דער גרעסטער אומ-נעבונג פון פריינדליכקייט, און היינט? פרעגט שוין גארנים. די ארבייטער הא-

בען איעס פארגעסען וואס נעכטען [illegible]
געווען און סטרייקען אין סטרייקען [illegible]
ס'הייסט ווי סטרייקען ניט, [illegible]
מיטען. ווי האבען שוין א פאר מען [illegible]
שטאף ניט געטאן. נאר ווי האלטען [illegible]
איין מיטען. ווי ווילען דעם באס [illegible]
בען א קורצען לעקאן אין עטיקעט, [illegible]
ווען מען פארברענגט מיט ארביי[illegible]
אויף א באנקעט טאר מען אין דער [illegible]
בער צייט קיין ארבייט אויסשיק[illegible]
ארויסשיקען. אזוי ווי דיזע פירמע [illegible]
עס א געטאן האבען די ארבייטער [illegible]
שאפ זיך א געהם געטאן צום קלאס[illegible]
קאמף און פארטיי.

געה טו ויי עפעס.

* * *

וועגען דעם מיליאן דאלאר [illegible]
טאר קיינער פון אייך ניט פארגעס[illegible]
עס געהט שוין באלד צו פסח. עס [illegible]
באלד אפשטאפען די ארבייט, ווי [illegible]
ווערענליך. אויב איהר וועט [illegible]
אלעס אויף שפעטער, וועט דער ערשט[illegible]
דזשון אנקומען איידער איהר וועט [illegible]
ארומזעהן. און ווער ווייס וואס [illegible]
וועט פאסירען?

די ארבייטער פון קליפסטיין'ס ש[illegible]
האבען שוין איינגעצאהלט דעם פו[illegible]
מיליאן דאלאר פאנד. פילע אנדער[illegible]
שעפער זיינען שוין באלד אויסגעצ[illegible]
טע. זייט ניט פון די לעצטע.

דזש. העללער, ס[illegible]

דאנק-רעזאלוציע פאר'ן ניי[illegible] מענעדזשער פון לאקאל פ[illegible]

מיר, די ארבייטער פון די וועליו קל[illegible]
קאמפ., דריקען אויס אונזער הערצ[illegible]
סטען דאנק צו ברודער לואיס הייד[illegible]
פאר די גוטע ארבייט וואס ער האט [illegible]
טאן אלס אונזער שאפ טשערמאן,
כאטש עס איז א פארלוסט פאר א[illegible]
וואס ברודער היימאן קען מעהר ניט [illegible]
אונזער שאפ-טשערמאן, דאך זיינען [illegible]
גליקליך און צופרידען וואר ברודער [illegible]
מאן וועט יעצט אלס מענעדזשער
לאקאל 9 ארבייטען פאר די פארבעס[illegible]
רונגען פון אלע ארבייטער פון טרייד. [illegible]
גראטולירען איהם און ווינשען א[illegible]
ערפאלג אין זיין ארבייט פאר דער יונ[illegible]
עס איז אויך באשלאסען געווא[illegible]
ביי א שאפ מיטינג צו פרעזענטירען [illegible]
היימאן מיט א בוקעט בלומען צו [illegible]
אינסטאלליישאן.

מיט ברודערליכען גרוס,

די ארבייטער פון וועליו קלאוק [illegible]
ס. קראוועטין, טשערמ[illegible]
א. זירלין, ה. בעלקין, קאמיט[illegible]
טשערנאק, גאלדבערג,
רעזאלוציאנס קאמי[illegible]

באראנקען דער רעליף קאמי[illegible] פון לאקאל 35

ביי דעם סעקשאן מיטינג פון די [illegible]
יארקער פרעסערס, מארטש דעם 13[illegible]
איז אנגענומען געווארען פאלגענדע [illegible]
זאלושאן:

אויסהערענדיג דעם יעהרליכען [illegible]
ריכט פון דעם מענעדזשער פאר דער [illegible]
ליף קאמיטע, און נעמענדיג אין אנ[illegible]
טראכט די גוטע און גלענצענדע ארבי[illegible]
וועלכע די רעליף קאמיטע האט [illegible]
ענערגיש געטאן פאר די מעמבערס, [illegible]
איינשטימיג באשלאסען געווארען אויס[illegible]
דריקען אונזער דאנק און אנערקענונג [illegible]
דער קאמיטע, וועלכע באשטעהט [illegible]
פאלגענדע פערזאנען: שנאפער, טש[illegible]
מאן; סלאווין, סעקרעטער; באר[illegible]
וועפרינסקי, ווילער און ל. בעצאלער. [illegible]
האפען אז אויך ווייטער וועלען זיי [illegible]
זעצען צו טאן זעהר גוטע ארבייט, [illegible]
די מעמבערס אנערקענען אלס אויס[illegible]

פיליפ גאטליב, סעקשאן טשערמ[illegible]
ד. ווייסמאן, סעקרעטאר.

שוואכע מענשען

וועלכע שרעקען זיך אפ פון שטארקע אבפיהר-מיטלען
זאלען נעהמען

עקס-לאקס!

געשמאק און טעם ווי א טהייערער קאנפעקטור

עקס-לאקס ווירקט געלאסען און נאטירליך אהן קרעמפען
און שמערצען, דערפאר איז עס אזוי באליבט ביי אלעמען,
קליין און גרויס.

10, 25 און 50 סענט א באקס. אין אלע דראג סטארס.

מיין וועג

(ערצעהלונג)

פון י. קראַדקע

(שלוס).

„נאַ־־יטקייטען”, זאָגט דער טייפעל, „דיין לעבען איז צו איינטאָניג, דו מוזט אריינטראָגען אביסעל פארשיידענאַרטיג־קייט, א ביסעל אויל אז די רעדער זאָלען זיך בעסער באַוועגען. שרייבען, מאָלען, דאַן ווידער שרייבען... דו וועסט ווייט ניט געהן מיט דיין ארבייט. דאכט זיך אז דער שטעמפעל פון איינטאָניגקייט איז שוין אפגעדרוקט אויף דיין ארבייט.”

איך ווייס אז דער טייפעל זאָגט א ליגען; איך ווייס אז מערי וועט ניט זיין קיין אייל פאר די רעדער, נאָר א טיפער זומפ אין וועלכען די רעדער וועלען פאר א א שטיקעל צייט פארזונקען ווערען. איך ווייס דאָס פון ערפאַהרונג. איך האָב באַשלאָסען ניט נאָכגעבען דעם טייפעל. און האָב זיך גענומען צוריק צו מיין אר־בייט, אָבער איך האָב פארלאָרען דעם קאָנטראָל איבער מיינע געדאַנקען. מיט דער פען אין האַנד בין איך געזעסען אי־בער'ן ביינען פאַפיר, און מיינע געדאַנקען האָבען מיך אוועקגעטראָגען צו יענער צייט ווען מערי האָט געוואוינט אין דעם שעהנעם הויז. פאר מיינע אויגען זע־נען געשטאַנען מיינע צוויי קאָנקורענטען, מערי'ס צוויי פארעהרער. זיי זענען ביי־דע געווען יוריסטען, איינער האָט פראַק־טיצירט, דער צווייטער האָט געלערנט לעק־ציעס אין א לאָא־סקול. זיי זענען ביידע געווען יונגע לייט פון עטליכע און צוואַנ־ציג יאָהר. איך דערמאָן זיך ווי איך האָב איינעם פון זיי אמאָל ארויסגערופען אויף א געשלעג. ער האָט ניט געוואָלט געהן און מערי האָט מיך ארומגענומען, געגלעט די האָר און געבעטען איך זאָל איהם ניט אָנריהרען.

איך טו א קוק אויפ'ן ביינען פאַפיר וואָס ליגט אויפ'ן טיש — קעסטעלאך, רינגעלאך, אן אפגעבראָכענער בוים — אט וואָ סאַרי האָב אָנגעשריבען. איך וואַרף אוועק די פען און גיב זיך איינגאַנצען אַפּ צו מיינע וואַנדערענדע געדאַנקען. איך דערמאָן זיך ווי אַזוי איך פלעג עסען אין א ביליגען רעסטאָראַן, אין „מעקס' ביזוי־בי” און שפּאָרען דאָס געלט אום צו קוי־פען מערי'ן א בוקעט בלומען, וועלכע זי פלעגט ארויסוואַרפען אַזוי שנעל ווי איך בין אוועק. קיינמאָל בין איך ניט געקור־טען אנגעטאָן ווי א מענש; אימער מיט פריסענע שיך, מיט איין אפגעטראָגענעם קאָסטיום. אָבער עס האָט זיך אַלעס גע־ענדערט. איצט איז זי צופרידען ווי אַזוי און ווען איך קום.

איך האָב א קוק געטאָן אויף זיך, אויף מיין נייעם קאָסטיום, וועלכער ליגט אויף מיר ווי אויסגעגאָסען, מיינע נייע שיך, וועלכע נעמען ענג ארום מיינע פיס. איך, ווי מערי וואָלט דאָס טאַנצען ווען זי וועט מיך דערזעהן. זי וועט מיך ארומ־כאַפּען און נעמען טאַנצען מיט מיר, אַזוי ווי לעצטען מאָל, און איך וועל זיך נאָכ־לעפּען אַזוי ווי א בער און איהר אפּטרע־טען די קליינע פיסלאך. זי וועט פאַר־גיסען די אונטערשטע ליפּ מיט איהרע ציינער, איהר אויבערשטע ליפּ וועט זיך פארקנייטשען ארויף און זי וועט שרייען „א־אוטש! א־אוטש!” און מיך א פּליק טאָן ביי די האָר יעדעס מאָל ווען איך וועל איהר אנטרעטען אויף די פיס.

איך האָב א שפּרונג געטאָן, זיך א דרעה געטאָן, געכאַפּט דעם הוט און דעם אויבעררראָק און איך בין אַראָפּ אין גאַס.

איך בין אריין אין א געוועלב און גע־קויפט א קאַרסעט און א פּאָר זיידענע זאָקען, דאַן האָב איך זיך אפּגעשטעלט אין אן אנדער געוועלב און געקויפט א פּאָר פונט וואורשט, א לאַבען ברויט, פאַר־שידענע אפּעטייזערס, פּרובט סיגאַרעטען. פון דאָרט בין איך אוועק אין נאָך א פּלאַץ, וואו מען האָט מיך אנגעשטאָפּט מיט פלעשלאַך פון דעם פארבאָטענעם טראַנק. וויפיל קעשענעס מיין אויבער־ראָק האָט געקאָנט פארדעקען אַזוי פיל פלעשלאַך. און אַזוי אָנגעלאָדען בין איך אוועק צו מערי'ן.

2.

עס איז שוין פיר א זייגער נאָכמי־טאָג, אָבער איך האָב נאָך גאָר ניט געגעס־סען. איך האָב היינט ניט געמאָלען. דאָס טונקעל־גרויע ליכט פון מיין צימער איז שוועדר, געדיכט, דריקט מיר דעם קאָפּ ווי א שווערער שטיין. אויף מיין טישעל ליגט א ליידיג פלעשעל, א צווייטעס שטעהט האַלב לעדיג. א לעדיג שאַכטעל פון סיגאַרעטען וואַלגערט זיך אויפ'ן בעט. אין דעם צווייטען שאַכטעל וואָס אויפ'ן טיש זענען נאָך געבליבען עטליכע. דער דיל איז באַדעקט מיט שטיקלאַך אויסגע־רויכערטע סיגאַרעטען. דאָס אַש פון די סיגאַרעטען איז אומעטום, אויפ'ן טיש, אויפ'ן פּאַפּיר, אויף וועלכען איך שרייב די דאָזיגע שורות, אויף מיין נייעם אנצוג,

אַש, אַש אומעטום. עס איז ענג אין מיין צימער. דער ריח פון אַלקאָהאָל אויסגע־מישט מיט דעם ריח פון טאַבאַק פאַר־סמ'ט די לופט. איך קען ניט פארטרייבען די ריחות פון מערי'ס ביליגער פודרע, און נאָך עפּעס א שאַרפער ריח, וואָס איך האָב מיט זיך פארשלעפּט אין מיין צימער. איך דרעה דעם קאָפּ אויף אַלע זייטען אַזוי ווי איך וואָלט וועלען אפּשעהרען דעם נאָז פון די ריחות, מיין מויל דריקט זיך צו־זאַמען, און איך שוידער, אַזוי ווי איך וואָלט זיך אָנגעריהרט אין א זעהר מיאוס'ער זאַך. אט וועל איך נאָך א מאָל א זופּ טאָן פון דעם פלעשעל און די מיאוס'ע ריחות וועלען פאר א פּאָר מינוטען פאַר־שווינדען, די שווערקייט, וואָס דריקט מיין קאָפּ, וועט אוועקגעהן, און איך וועל ווי דער פיהרען מיט'ן פען איבער'ן פּאַפּיר.

איך באַטראַכט זיך אין שפּיגעל; דער גלאַנץ פון מיינע אויגען איז פארשוואונ־דען צוזאַמען מיט דעם קאָליר פון מיין פּנים. א גראָבעל איבער דער גאַנצער לענג פון מיין נאָז, א צווייטער אויף מיין ש.ערן א פּ...אַרץ און א פּונקט אויף דער לינקער באַק, איין אויסרופס־צייכען אויף דער רעכטער; דאָס האָט מיך מערי אַזוי דעקאָרירט. איך האָב זי גערופען... אה, וואָס מאַכט עס אויס, וואָס פאַר א נאָמען איך האָב זי גערופען — א נאָמען פון א מיידעל, וועלכע איך האָב אמאָל גע־קאָנט, און מערי האָט דורכאויס געפאָ־דערט איך זאָל זי רופען מערי. זי האָט געקלאַפּט מיט די פויסטען אין טיש און מיט די פיס אין דיל און געשריגען אז איהר נאָמען איז איינמאָל פאר אַלע מאָל — מערי! איך בין ניט געווען שכור, אָבער איך ווייס ניט פאַרוואָס מיר איז פּלוצלונג איינגעפאַלען זי צו רופען מיט דעם נאָמען פון דעם מיידעל, וועלכע איך האָב אמאָל געקאָנט, און וואָס מעהר מערי האָט געשריגען און פּראָטעסטירט, אַלץ שטאַרקער איז ביי מיר געוואָרען דער פארלאַנג צו רופען זי מיט דעם נאָמען פון יענעם מיידעל. און מערי האָט געקווי־טשעט, מיר געוואָרפען אין קאָפּ דאָס שאַכטעל אין וועלכען עס איז געווען דער קאָרסעט מיט די זאָקען וואָס איך האָב איהר געבראַכט, געשליידערט אויף דער ערד מיין הוט און אויבער ראָק און מיר געהייסען געהן צו מיין געליבטער.

„גאָו אַן, יו טשיפּ סקעיט, ביט איט!” האָט זי געקוויטשעט און איהר פּנים האָט געפלאַמט ווי א גליהענדער אייזען. איך האָב זי געוואָלט ארומנעמען, איז זי אָפּ־געשפּרינגען, אַזוי ווי איך וואָלט זיך צו־ריהרען צו א וואונד.

„קיפּ עווע, יו... גער־אוט אָ'היר!” האָט זי געשריגען אַזוי ווי א משוגע'נע. האָב איך זי נאָכגעיאָגט, געכאַפּט און גע־וואָלט א קוש טאָן, האָט זי מיר דערלאַנגט א פּראַסק איבער'ן מויל, דערפאַר האָב איך איהר געגעבען אין די אויגען, און זי האָט איינגעגראָבען די נעגעל אין מיין פּנים. האָט זי א בלוי אויג און א גע־שוואָלענע ליפּ, און איך — א צוגראָבעל־טען פּנים. דער דאָזיגער „קליינער סקרעפּ” האָט געהאַט א באַרוהיגענדע ווירקונג, און אונזער קאָמפּלוסטיגקייט איז פאַר־שוואונדען. איך האָב זי גערופען מערי און זי מיך „קלאָמזי”, מיר האָבען געגע־סען און געטרונקען און געזונגען „נעקסט טו יור מאַטהער הום דו יו לאָוו”.

און איצט, ווען איך שרייב די דאָזיגע שורות, קוק איך אין שפּיגעל און באַ־טראַכט אויפמערקזאַם יעדען שטריך אין מיין פּנים; די שאַרפקייט, די פעסטקייט פון די ליניעס איז אפּגעווישט. מיין פּנים איז צעקנייטשט און אָהן א קאָליר. מיינע האָר זענען צעשויבערט, הענגען אין בינט־לאַך, זיי האָבען פארלאָרען זייער פריש־קייט און גלאַנץ. מיין קערפּער ציהט זיך צוזאַמען און שוידערט. מיר דאַכט זיך אז איך האָב זיך אפּגעריסען פון ערגעץ א פּלאַנעטע, אונטער מיינע פיס איז גע־בליבען א שטיקעל ערד, מיינע הענט האַל־טען זיך אָן עפּעס א הויבען סלופּ און איך פליה מיט'ן שטיקעל ערד און מיט'ן סלופּ, פליה אַראָפּ, אַראָפּ ערגעץ אין א טיפען אפּגרונט. איך קריץ מיט די ציינער און בייס די בלויע ליפּען; מיינע פויסטען עפענען זיך, און די פינגער גראָבען זיך אַריין אין מיינע צעשויבערטע האָר און רייסען און פליקען זיי. אַה, ווי מיאוס איך בין! אַה, ווי איך פאַראַכט זיך! איך קען ניט וויינען, איך געדענק ניט ווען איך האָב געוויינט, אָבער איך פיהל אז אינ־ווייניג אין מיר וויינט עפּעס און צאַפּעלט זיך און שפּאַרט מיך, שפּאַרט מיך, איך זאָל זיך א וואַרף טאָן אויף דער ערד און קלאַפּען מיט'ן קאָפּ אָן דיל.

און דאַך וועל איך מאָרגען אין אָווענט ווידער געהן צו מערי'ן. איך ווייס עס, ס'וועט זיין אַזוי ווי דאַמאָלט; און פאַר־טאָג, ארום דריי א זייגער, וועל איך קומען צוריק אין מיין צימער. איך וועל ניט זיין שכור, ניין, איך בין קיינמאָל ניט אויף אַזוי מיל שכור, אז איך זאָל ניט קענען געהן, אָדער ניט טרעפען דאָס הויז וואו איך וואוין, ווען איך טרינק מעהר ווי עס איז גוט פאַר מיר, ווייל איך וויל זיך איינ־רעדן אז איך בין ניט שכור. דעריבער געה איך צום הויז וואו מיין פריינד דער פּאָעט וואוינט. איך געה ניט אריין, איך וויל זיך נאָר באַווייזען אז איך בין ניט שכור און אז איך קען טרעפען צום הויז פון מיין פריינד. ניין, איך בין ניט שכור, איך ווייס קלאָר, אז עס איז דריי א זייגער פאַרטאָג, פּונקט די צייט ווען די מייזע באַזוכט מיין פריינד, און ער שמירט זיינע פּערזען פאר דעם פאַבלישער פון די ווינטשע־קאַרטען, פאר דער טעגליכער ציימונג, פאַר דעם מאָנאַטליכען זשורנאַל און פאַר דער־מענשהייט. איך ווייס קלאָר, אז ער איז נאָר וואָס געקומען פון דעם „ריטען לייב” אָדער פון דער „שוואַרצער קאַץ”. איך קלינג און „קליק־קליק”, ענטפערט דער פּאָעט דורך דעם עלעקטרישען גלעקעל, גאָר ניט איבעראַשט פון אזא פריהען באַזוכער. איך קלינג נאָך אמאָל, און ווען איך הער דעם צווייטען „קליק־קליק” געה איך אוועק צו זיך אויף דער קוואַרטיר איבערצייגט אז איך בין ניט שכור.

ניין, איך וועל ניט זיין שכור איבער־מאָרגען פאַרטאָג ווען איך וועל קומען פון מערי'ן, אָט דאָך וועט געשעהן דאָס, וואָס איז דאַמאָלט געשעהן.

ווען איך וועל עפענען די טיר פון מיין צימער, וועט מיר דאָס ערשטע א שפּרונג טאָן אין די אויגען דאָס אָפענע העפט, עטליכע לויזע בלעטלאַך פארשריבענע, געמעקט און ערטע־ווייז צורעכט געמאַכט, און פיליכט דער בויגען אויף וועלכען איך שרייב די דאָזיגע שורות, אויב ער וועט דאַן ליגען אויפ'ן טיש. יאָ, עס וועט זיין אַזוי ווי עס איז דאַמאָלט געווען. ווען איך וועל דערזעהן אַט די אַלע פארשריבענע פּאַפּירען, וועט פּלוצלונג, ווי אויף דעם רוף פון א כשוף־מאַכער ערשיינען פאַר מיר יע־נער פּאַיאַץ וועגען וועלכען איך האָב גע־לעזען אין א פראַנצויזישען ביכעל. „פּעטי פּאַעמ־ז'אַן־פּראַן” האָט דאָס ביכעל געהיי־סען. און איך וועל איהם זעהן, דעם אַל־טען פּאַיאַץ, פיל קלאָרער, פיל שאַרפער וואָגער ווי דער, וועלכער האָט וועגען איהם געשריבען. איך וועל זעהן דעם גרויסען סקוועער, וואו דאָס פאָלק פייערט זיין גרוי־סען יום־טוב; ארום אַזוי ווייט ווי דאָס אויג קען פארכאַפּען זעהט מען מענשען, מענשען, א ים מיט מענשען. זיי זענען אָנגעטאָן אין זייערע בעסטע קליידער, מען שפּאַצירט, מען שטופּט זיך, מען לאַכט און מען טומעלט; איינער ניט אויס געלט, דער צווייטער פארדינט, און דער ערשטער און דער צווייטער זענען ביידע צופרידען. קאָמעדיאַנטען ווייזען זייערע קונצען, זינ־גער זינגען, פּאַיאַצען מאַכען פרעהלאַך, און מענשען שפּאַרען זיך ארום זייערע פּלאַטפאָרמס, מען קוקט אויף זייערע קונ־צען, מען הערט זייערע לידער, מען לאַכט פון זייערע פארשיידענע אויפטואונגען, און מען וואַרפט זיי געלד מיט יענער ברייטהאַרציגקייט, וועלכע מענשען פאַר־מאָגען ווען זיי זענען יום־טוב'דיג גע־שטימט... און אין מיטען דעם טומעל, דעם געלעכטער, געשריי, געדראַנג און דעם גאַנצען יאַריד, שטעהט ער, דער אַלטער קאָמעדיאַנט, אָנגעשפּאַרט אָן זיין פּלאַט־קע פארשעהמט און דערשלאָגען; קיינער גערט ניט צו איהם; ער האָט שוין גאָר ניט דעם מוט צו רופען. ער לאַכט ניט מעהר, ער טאַנצט ניט מעהר, ער זינגט ניט מעהר; ער זינגט ניט קיין פרעהליכע און ניט קיין טרויעריגע לידער; שטום, דערשלאָגען און פארלאָזען שטעהט ער, דער אַלטער קאָמעדיאַנט, אָנגעשפּאַרט אָן זיין פּלאַטקע. ער האָט שוין אָפּגע־ראַנקט. ער האָט שוין זיינס אָפּגעשפּילט. אַנדערע יונגע זענען געקומען מיט נייע קונצען און נייע לידער.

און איבערמאָרגען, ארום דריי א זיי־גער פאַרטאָג, ווען איך וועל קומען צוריק פון מערי'ן, וועט זיין אַזוי ווי דאַמאָלט. איך וועל איהם דערזעהן, דעם אַלטען קאָ־מעדיאַנט, איך וועל זעהען זיינע אויגען, וועלכע קוקען אויפ'ן יאַריד און אויף די יונגע, וועלכע האָבען איהם ארויסגעשטוי־סען, און איך וועל רייסען אויף שטיקלאַך דאָס העפט, די בלעטלאַך אויף וועלכע איך שרייב די דאָזיגע שורות און איך וועל שרייען:

„ניין, ניין! איך וויל ניט זיין קיין קאָמעדיאַנט!”

און פּונקט אַזוי ווי דאַמאָלט וועל איך ארויסשלעפּען דאָס קעסטעל פון אונטער'ן בעט, ארויסנעמען פון דאָרט דעם גאַנצען פּאַק פּאַפּירען, העפטען, מאַנוסקריפּטען — רערענדירנטע און ניט־דערענדירנטע, סקי־צען, סענטימענטען, געדאַנקען, — און איך וועל זיי נעמען און פיהרען דעם גאַנצען פּאַר אין טיטען מיט די פיס אין שריען: „ניין! ניין! איך וויל ניט זיין קיין קאָמעדיאַנט! איך וועל קיינמאָל, קיינ־מאָל קיין קאָמעדיאַנט ניט זיין!”

און אויף מיינע געשרייען און קראַפּע־ריי וועלען די שכנים אויס פון זייערע בעטען און זיך צוזאַמענלויפען צו אויף א ביין וואונדער. די טיר פון מיין צימער וועט זיין ברייט אָפען, אויף דער ערד א פּאַק צוריסענע פּאַפּיר, און איך וועל שטעהן אין מיטען צימער, טרעטען דאָס פּאַפּיר מיט די פיס און שרייען אז איך וויל ניט זיין קיין קאָמעדיאַנט. און טאָג־דער אייזמאַן, ביי וועמען איך האָב געדינ־גען דאָס צימער, און וועלכער איז מיין בעסטער פריינד, דערפאַר וואָס איך גיב איהם אוועק די בילדער פון מיינע וועגט, וועט צוטרייבען די שכנים און מיך שפּאַ־רען אין בעט אריין און איך וועל קלאַפּען אין טיש און שרייען איהם גלייך אין פּנים אריין: „איך וויל ניט זיין קיין קאָמעדי־יאַנט! בין איך גערעכט צי אומגערעכט?” און ער וועט זאָגען: יעס, און וועט מיך פארזיכערען אז קיינער וויל מיך פאַר קיין קאָמעדיאַנט ניט מאַכען. אַזוי איז עס גע־ווען דאַמאָלט, אַזוי וועט עס זיין דריי א זייגער פאַרטאָג, ווען איך וועל קומען פון מערי'ן.

און ווען איך וועל אויפשטעהן ביי טאָג מיט א קאָפּ ווייעהטאָג, וועלען זיי ליגען די צעריסענע און צעטראָטענע מאַנוסקריפּ־טען. איבער איינינע פון זיי האָב איך אמאָל געלאַכט. געלאַכט אַזוי שטאַרק אז מיין גאַנצער קערפּער האָט זיך געטריי־סעלט, טרערען האָבען פון מיינע אויגען גענאָסען און א שוויים האָט מיך באַשלאָ־גען. אַנדערע האָבען אין שווערע מינוטען, ווי א צאַרטע מוטער מיך געטרייסט, גע־גלעט און געהיילט די וואונדען וועלכע איך האָב פון דעם פארלאָרענעם קאַמף אוועקגעטראָגען. און נאָך אַנדערע, וועל־כע האָבען אמאָל אָנגעפיהלט מיין האַרץ מיט דער בענקעניש און שעהנעם טרויער פון א שעהנעם, שטאַרבענדען טאָג, און געקלונגען ווי די פאַרגעהענדע טענער פון א טרויעריג שעהנער מעלאָדיע. זיי וועלען זיך אַלע וואַלגערען אויפ'ן דיל, די מאַ־נוסקריפּטען, צופליקטע, צעטראָטענע און באַשפּיגענע, אַזוי ווי געפּלאַצטע סטרונעס פון א צעבראָכענעם פידעל. אַזוי איז עס דאַמאָלט געווען, אַזוי וועט עס זיין אי־בערמאָרגען ביי טאָג ווען איך וועל אויפ־שטעהן מיט א קאָפּוועהטאָג.

און דאַן וועל איך נאָכאַמאָל געהן צו מערי'ן, ניט איבערמאָרגען, נאָר שפּעטער מיט עטליכע טעג. און איך וועל קומען צוריק אין מיין צימער, שטיל, ניט אויפ־גערעגט, ניט ביין אויף קיינעם. איך וועל ניט פיהלען קיין פאַראַכטונג צו זיך, מיין קערפּער וועט ניט שוידערן פון דעם שמוץ, און עס וועלען ניט זיין די גייסטיגע ליידען, וועלכע פּלאָגען מיך איצט, ווע־רענד איך שרייב די דאָזיגע שורות. עס וועלען זיין פיזישע אומאַנגענעהמליכקייטען, אָבער פיזישע ליידען שרעקען מיך ניט. מיין פּנים וועט זיין בלוייליך, מ ריחעל פארשוואָלען, ברוטיש, מיינע אויגען אַזוי ווי גלעזערנע, אָהן דעם לעבעדיגען גלאַנץ, מיין גאַנצער קערפּער — שווער, אומבאַ־וועגליך. איך וועל ניט קענען עסען א שטיקעל צייט, און אין אָוונט, ווען איך וועל זיך צווינגען צו עסען אום ניט צו שטאַרבען, וועט דאָס זיין ביטער אין מיין מויל.

און דאַן, ווען איך וועל שוין זיין מיט, מיט איינגעזויפּט אין שמוץ, דאַן ווען איך וועל שוין האָבען דערגרייכט דעם גרונט, און דאָס שמוץ וועט רינען פון מיר, פון מיין גאַנצען קערפּער — דאַן וועל איך האָבען גענוג, דאַן וועל איך שוין מעהר ניט וועלען, און צו מערי'ן א לאַנגע צייט ניט געהן.

און דורך טעג און נעכט און פילע וואָ־כען וועט א שווערער פאַרהאַנג הענגען איבער מיינע געדאַנקען. איך וועל וואַנ־דערען אין די גאַסען מיט גלעזערנע אויגען און איך וועל גאָרניט זעהן, ארום מיר וועט קאָכען דער אייביגער קאַמף, און איך וועל גאָרניט פארשטעהן; איך וועל ניט הערען דאָס טריאומפירענדע ליד פון דעם זיגער און די קרעכצען פון די באַזיגטע. בלינד און טויב און שטום וועל איך ארומגעהן צווישען די מענשען.

און אויב, איבערמאָרגען דריי א זייגער פאַרטאָג, ווען איך וועל קומען צוריק פון מערי'ן, וועט ניט געשעהן דאָס וואָס איז דאַמאָלט געשעהן; אויב די העפטען און מאַנוסקריפּטען וועלען בלייבען גאַנץ, וועל איך דורך פילע וואָכען קוקען מיט פאַר־אַכטונג אויף דעם גאַנצען באַגאַזש, און זיך אַליין פאַראַכטען וואָס איך גיב זיך אָפּ מיט אַזעלכע נאַרישקייטען ווי שריי־

(שלוס אויף זייט 15).

קאסטאם דרעסמאכער יוניאן לאק. 90

דער סיום אין דעם קאסטאם דרעס־מאכער טרייד האט זיך ע'יעט אנגעפאנגען און שוין ווערען מיר ווי איניע־ע באַ־נעם טריעו אלעס וואס ווי קענען צו ברענגען צו א צוזאמענשטעם מיט דער יוניאן, ווי האלטען אין איין שרייען, אז ווען ניט די יוניאן וואלט אלעס גיט געוועזן. די ארבייטער וואגען ווי וויסען גיט אזוי שרעכט. די יוניאן שטעהט ווי ווי א ביין אין האלז אין ווי ווי וואלטען ווע'ען זעהן דעם סוף פון דער יוניאן, אבער מירע יואס ווי ווי־לען!

אין דער לעצטער צייט האט זיך אנ־געהויבען עפעס טומלען אין אונזער טרייד. עס האט זיך גע'אוועט פון ער־גיז א געוויסער ל'ערעל און איהם ווילט זיך ארגאניזירען א באסעס אסאסיאיי־שאן אין דעם קאסטאם דרעסמייקינג־טרייד. אבער ווי מען גיט אונז איבער, וועט דער ל'ערעל ניט מאכען קיין ער־פאלג דורך העצען די באסעס געגען דער יוניאן. די באסעס ווייסען פון ערפאה־רונג, אז עס וועט ווי קיין גיטעס ניט ארויסקומען דערפון.

* * *

ביי אונזערע לעצטע מעמבער־מיטינ־גען, וועלכע זיינען אפגעהאלטען געווארען דעם 6טען און 13טען מארטש, האבען אונזערע מעמבערס נאך א מאל באוויזען, אז ווען עס קומט די פראגע וועגען דער־נאנציקייט פון דער יוניאן, זיינען זיי דא אום'ן פלאץ איהר צו העלפען מיט וואס זיי קענען. צום ביישפיל, ווען זיי האַ־בען זיך דערוואוסט, אז ווייערע באסעס ווילען זיך אַרגאניזירען און דאס וועט אפשר מיינען טראבעל פאר דער יוניאן, האבען זיי גלייך באשלאסען, דאס יע־דער מעמבער זאל גע'טעקסט ווערען מיט 5 דאלאר פאר א פארטיידיגונגס־פאנד פאר דער יוניאן. עס איז אומנעגליך איבערצוגעבען אלע ארגומענטען, וואס זיינען אנגעגעבען געווארען פאר אזא באַ־שלוס. עס איז אבער לייכט צו באגריי־פען, אז עטליכע הונדערט מענשען ווע־לען ניט מאכען א באשלוס זיך צו טעק־סען אויב זיי וועלען ניט הערכאוים באַ־גרייפען די וויכטיגקייט דערפון. עס איז געוויס צו באדויערען וואס אונזערע מעמ־בערס וואוינען אין באזונדערע ווינקעלאך פון ניו יארק און גיט אלע האבען א מעגליכקייט צו זיין ביי אונזערע מיטינ־גען. מיר פארלאזען זיך אבער אויף די איבערגעבענהייט פון די מעמבערס צו אונזער יוניאן איינצוצאהלען דעם טעקס.

ווי איהר ווייסט, האט אונזער יוניאן זיך אונטערגענומען א וויכטיגען קעמפיין צו ארגאניזירען די ניט יוניאן שעפער. כדי אונזער געווינס פון 44 שטונדען און אלע איבעריגע יוניאן־קאנדישאנס זאלען זיין געזיכערט.

פריינדע! אלע פון אייך ווייסען ווי הויכאוים נויטיג עס איז צו ארגאניזי־רען דעם גאנצען פריוואט דרעס מייקינג־טרייד. מיר גיהען דאס טאן. עס ווענדט זיך בלויז אן אייך ווי שנעל איהר וועט דאס מאכען מעגליך. ערשטענס, זיך אונטערשטיצען און איינצאהלען דעם טעקס און, צווייטענס, קומען אין אפיס און העלפען פארשפרייטען די סירקולארס ביי די נאן־יוניאן שעפער. אלזא, איילט זיך אונטער מיט'ן אפצאהלען דעם טעקס און קומט אין אפיס העלפען אין דער ארבייט.

* * *

אונזער עקזעקוטיוו באארד האט נאך א מאל אויפגענומען די פראגע וועגען יוניאן־שעפער, וועלכע האבען צוויי דע־פארטמענטס, א ליידיס טיילאר דע־פארטמענט און א דרעס מייקינג דע־פארטמענט. אין איין דעפארטמענט אר־בייטען יוניאן לייטע, אונטער יוניאן־קאנדישאנס — ארבייטען 44 שטונדען און קריגען אלע בענעפיטס פון דער יונ־יאן, און אין צווייטען דעפארטמענט מאכט מען די זעלבע ליין ארבייט פאר קלענערע ווייגעס און לענגערע שטונ־דען און מען קריגט גים באצאהלט פאר האלידייס, אין ווען עס קומט צו א דיס־פיוט צווישען דעם באס און די ארביי־טער נוצט דער באס אויס די געלעגנ־הייט מיט דעם וואס ער האט א האלבען שאפ א יוניאן־שאפ און דעם אנדערען האלבען שאפ א סקעב־שאפ. איז דא טראבעל אין דעם יוניאן־דעפארטמענט, און די יוניאן פארלאנגט גערעכטיגקייט, גיט דער באס עפעס נאך די ארבייטער אין דעם נאן־יוניאן דעפארטמענט. ווי־לען די נאן־יוניאן ארבייטער שטעלען פארדערונגען פאר בעסערע קאנדישאנס, האבען זיי מורא פאר דעם, אז די יונ־יאן לייטע וועלען זיי גים העלפען. און די ענדע איז, אז דער באס קריגט דעם בענעפיט. ווי געזאגט, האט אונזער עק־זעקוטיווע אויפגעהויבען די פראגע און איז געקומען צום שלום, אז אזוי קען דאס ווייטער גים געהן.

עס איז באשלאסען געווארען צו האַ־בען א מיטינג מיט א קאמיטע פון לאַ־קאל 3, ליידיס טיילארס יוניאן, צו זעהן אויסארבייטען פלענער, אז די דאזיגע

ער דאנקט די עקזעקוטיווע פון לאקאל 1.

ווערטער רעדאקטאר און ברודער:

דער בריף, וועלכען איך שיק אייך איז געשריבען פון ברודער הערי הירש, א מעמבער פון אונזער לאקאל. ער איז פארגעלעזען געווארען פאר אונזער עקזע־קוטיוו באארד און מען האט באשלאסען איהם איבערשיקען צו אייך צו פאר־עפענטליכען אין דער „גערעכטיגקייט".

ברידערליך אייערע,

בערנארד שעהן,

מענעדזשער פון לאקאל 1, א. ל. ג. וו. י.

צו די מעמבערס פון דער עקזעקוטיווע

איך דאנק אייך הארצליך וואס איהר האט מיר צוגעשיקט דעם פאמפלעט מיט דעם יעהרליכען באריכט, דאס קאן מען אייך רעכענען פאר איינע פון די גוטע רעפארמס, וואס איהר שטרעבט איינצו־פיהרען איבערהויפט פאר די מעמבערס וואס באזוכען ניט די מיטינגען — איך בין איינער פון דיזע מעמבערס, כאטש ניט פון נאכלעסיגקייט, חלילה, נאר ווייל איך בין האלב טויב, און ניט הערענדיג גוט די פאהאנדלונגען און ניט קאנענ־דיג זיך אויססשפרעכען, באזוך איך קיינע מיטינגס, כאטש איך לעז אלעס, און שטרעב צו וויסען וועגען אלעס וואס עס קומט פאר אין דער יוניאן, און זעה צו איבערצייגען א מעמבער וואס קיקט און בילט געגען די באאמטע מיט דער יוניאן צוזאמען — איך ווינש אייך כח און גע־דולד איינצופיהרען אלע רעפארמס פאר די טובה פון אונזער יוניאן. און אייערע נעמען וועלען דערמאנט ווערען מיט שטאלץ פון אונזערע יוניאן ברידער.

אויב עס דארף נעמען צייט איינצו־פיהרען אין ארבייטסלאזען פאנד, דאס איז מעהר אדער וועניגער פארשטענדליך. אבער ווארום מען קאן ניט איינפיהרען גלייך א לייבאר ביורא און מען זאל ניט דארפען ארומגעהן אויף 5טע עוועניו אדער איבעריאגען איינע די אנדערע ווען א באס אדווערטייזט פאר אן אר־ביטער. מיר דוכט, אז דאס קאן יעדער פארשטעהן, ווי קליין און נידעריג מען פיהלט זיך ווען מען געהט אויף אן אד־ווערטייזטען דזשאב און מען טרעפט דארט 20 לייטע ווארטענדיג און ווי שטאלץ מען פיהלט ביי זיך ווען מען קומט מיט א ווארקינג קארד פון דער יוניאן. דער ריקאל וואלט געווען איינע פון די בעסטע רעפארמס.

אייער איבערגעבענער ברודער, וואס איז אימער בארייט אייך צו העלפען אין וואס נאר מעגליך.

הערי הירש

233 א. 21טע סט., ניו יארק.

מיר ווילען איבערקזאם מאכען אונזערע מעמבערס, אז זיי זאלען זיך ניט לאזען איינרעדען פון די אגענטען פון העטי־קארנעגי פון 86טע סטריט און בראדוויי און ס. גאלד, 2228 בראד־וויי, אז יענע שעפער זיינען יוניאן־שעפער. עס איז א ליגען. לאזט זיך ניט פארפיהרען. מיט דעם וואס איהר געהט דארט ארבייטען העלפט איהר דעם באס האבען אן „אפען שאפ".

* * *

מיר ווילען איבערקזאם מאכען אונזערע מעמבערס, דאס מאנכע פון זיי וועלען ערהאלטען לעטערס, אין וועלכע די יוניאן לאזט זיי וויסען, אז זיי האַ־בען שוין לאנג קיין דיוס ניט געצאהלט און דאס אויב זיי וועלען ניט אפצאה־לען זייערע שולדען צו דער יוניאן, ווע־לען זיי אויסגעשלאסען ווערען און זיי וועלען נאכהער ניט קענען ארבייטען אין קיין יוניאן־שאפ.

* * *

מיר וועלען בעטען אלע יוניאן־ אדער ניט־יוניאן קאסטאם דרעס מאכער, וועל־כע האבען ניט קיין ארבייט, אז זיי זאַ־לען ניט געהן זוכען קיין ארבייט נאר זאלען קומען אין אפיס פון דער יוניאן, אין 725 לעקסינגטאן עוו., און די יוניאן וועט זיי באזארגען מיט פלעצער צו דער ארבייט. דורך דער יוניאן וועלען זיי זיכער באקומען בעסערע פלעצער.

י. בערנאדסקי,

מענעדזשער.

ארבייטער פון סטיינער און זאנטאג, אויפמערקזאם!

אלע ארבייטער וואס האבען געארבייט ביי דער פירמע „סטיינער און סאנטאג", 42 איסט 9טע סט., ביים אויפגעבען די ביזנעס, זיינען אויפגעפאדערט צו קומען אין אפיס פון דער יוניאן, 33 צווייטע עוו.

ס. דזש. רינגער,

קאמפליינט קלוירק.

די דעזיינערס יוניאן לאקאל 45

ביי דעם לעצטען מעמבער מיטינג האבען די מעמבערס דיסקוטירט די פראַ־גע ווי אזוי דעם לאקאל צו פארשטאר־קען. איינינע מעמבערס האבען באשול־דיגט די דעזיינערס אין ניט זיין צווי־שען זיך איינינ. אנדערע מעמבערס האַ־בען באשולדיגט די שאפ־טשערליים, וועלכע מאכען מיט'ן דעזיינער אן אויס־נאמע. ווען וועלכער ניט איז ארבייטער קומט אין שאפ, פארלאנגט דער טשער־מאן א ווארקינג קארד, אבער ווען דער דעזיינערס קומען ארויף אין א שאפ אר־ביטען, פרעגט זיי דער שאפ טשערמאן גארניט, כאטש דער זעלבער באס האט געסיינט אן אגרימענט מיט דער יוניאן צו באשעפטיגען יוניאן דעזיינערס.

מען האט אויך ניט אויסגעלאזען דעם ביזנעס אייזשענט, אז ווען ער קאנטראָ־לירט דעם שאפ, פארגעסט ער אפטמאל דעם דעזיינער.

דער דעזיינער־לאקאל איז געוויס ניט קיין שטיף־קינד ביי דער אינטערנע־שאנאל און אויך ניט ביי דעם דזשאינט באארד. און דאך, וועט אן אפרייטאר ארבייטען מיט א שניידער, קאטער, אדער פרעסער וואס איז ניט קיין יוניאן מאן, געוויס ניט. דער טשערמאן וועט באלד קאמפליינען אין אפיס פון דער יוניאן, אדער ער וועט אליין נעמען עקשאנס. ווארום זאל ניט זיין דאס זעלבינע אויך מיט'ן דעזיינער? ווארום ניט פרעגען פאר א ווארקינג קארד ביים דעזיינער און זעהען ער זאל זיין א יוניאן מאן? עס איז טאקע ריכטיג אז דער דעזיינער לאקאל איז נאך אפשר א בייבי אין פאר־גלייך מיט די אנדערע לאקאלס פון דזשאינט באארד. אבער מיר דארפען אלע מאל ארויסהעלפען דעם שוואכערען לאקאל, און זייט זיכער, א ביסעלע הילף פון שאפ־טשערמאן און פון ביזנעס־אייד־דזשענט, וועט דער דעזיינער ניט זיין ערגער פון די אנדערע יוניאן לייטע אין שאפ.

אין אפיס פון אונזער לאקאל קומען אריין יעדען טאג קלאגען געגען די האנד־לונג פון די מאנופעקטשורערס געגען דער דעזיינערס. לעצטע וואך איז אריינגעקומען א קאמפליינט פון א דעזיינער, אז דער באס האט איהם אוועקגעשיקט נאך וואכען ארבייטען אין פלאץ. דאס איז א דיסקרימינייישאן קייס. ווען איך בין געקומען מיט ברודער סלוצקי אטעג־דען דעם קאמפליינט, ציינט אונז דער באס א קאנטראקט געמאכט מיט'ן דעזיינער, אז ער קאן איהם אפזאגען ווען ער וויל. ווען קיין קאנטראקט וואלט ניט געווען, וואלט דער דעזיינער געוויס דארט גע־בליבען ארבייטען.

אונזער עקזעקוטיוו באארד האט באשלאסען, אז עס איז נויטיג דאס אלע וויכטיגע פראגען, וועלכע זיינען פאר־האנדעלט געווארען ביי די לעצטע מי־טינגען, זאלען ארומגערעדט ווערען ביי א מאססמיטינג פון אלע דעזיינערס, מעמ־בערס און ניט מעמבערס. און אזא מי־טינג איז איינבארופען געווארען דורך סירקולארס, פאר שבת מארטש דעם 25טען, אין מארטיניק האטעל, 32טע סטריט.

* * *

א ספעשאל מיטינג דעם שבת

דעם שבת בייטאג,ד עם 1טען אפריל וועט די דעזיינערס יוניאן האבען א ספע־שעל מיטינג. דער מיטינג איז זעהר וויכטיגער. אויף דיזען מיטינג וועלען פארקומען וואהלען פאר דעלעגאטען צו דער קאנווענשאן.

דער מיטינג וועט אפגעהאלטען ווע־רען אין די העדקוואדערס פון לאקאל 45 36 וועסט 33טע סט.

א חוץ די וואהלען פאר דעלעגאטען צו דער קאנווענשאן וועלען אויף דעם מיטינג אויפגענומען ווערען איינינע זעהר וויכטיגע פראגען און אלע מיטגלידער פון דער יוניאן זיינען אויפגעפאדערט אנ־וועזענד צו זיין.

* * *

דעם 4טען אפריל האט אונזער לא־קאל א טעאטער אונטערנעהמונג, אין טאמאשעווסקי'ס טעאטער. עס וועט גע־שפילט ווערען זעהר א גוטע פיעסע. עס איז א דינסטאג נאכט. מיר אפעלירען צו יעדען דעזיינער און מעמבער פון דער קלאוקמאכער יוניאן צו קומען אין טעא־טער און מיט דעם העלפען אונזער לא־קאל.

אלע דעזיינערס זיינען אויפגעפאַ־דערט צו קומען אין אוונט, נאך דער ארבייט און אויך פון 12 ביז 2 בייטאג אין אפיס פון אונזער יוניאן, 26 וועסט 33טע סטריט. עס וועט זיין זעהר אינ־טערעסאנט צו וויסען וואס פאר א כללי יעדער דעזיינער דארף אפהיטען.

מ. גאלדאווסקי, מענעדזשער.

Tel. Orchard 3793 Tel. Orchard 2233

ברענטשעס:

האַרלעם:	בראנקס ברענטש:	ברוקלין:
135 איסט 110טע סט. ניו יארק	בעטהגייט עוועניו, קאר. 173טע סטריט	בעלמאנט און סהאטפארד עוועניוס, בראנזוויל

אין אלע אונזערע ברענטשעס בעקומט איהר פריש געבאקענע מצות יעדען טאג

צו די פראַבלעמען פון אונזער קומענדער קאַנווענשאַן

פון אב. באראן,

פרעזידענט־...

וואָס זיינען די אויפגאַבען פון אונזער נעקסטער קאַנווענשאַן? וועלכע פערספעקטיוען שטעהען אונז פאַר?

אונטער נאָרמאַלע צושטאַנדען, וואָלטען מיר העכסט וואַהרשיינליך אויף די קומענדע קאַנווענשאַן אָנגעגאַנגען מיט דער זעלבער פּראָגראַם ווי אויף אונזערע פריהערדיגע קאַנווענשאַנס, ווי א שטייגער פּלאַנען צו פאַרקירצען די אַרבייטס־צייט, פאַרגרעסערען די ווייד־זשעס, א. א. וו. העכסט וואַהרשיינליך וואָלטען אַלע דיסקוסיעס זיך געדרעהט אַרום אַט די פראַגען.

און פון דעם שטאַנדפּונקט פון אונזער אָרגאַניזאַציאָן זיינען דיזע פראַגען קיינמאָל נישט אויסגעה'ן זיך, נעהמענדיג אין אַנבאַטראַכט דעם סיזאָן־כאַראַקטער פון אונזער אינדוסטריע, די קורצע „ביזי־סיזאָנס" מיט די לאַנגע סלעקסיזאָנס וואָס מיר האָבען אין אַלע צווייגען פון דער לײדיס גאַרמענט אינדוסטריע, איז עס כמעט א שטענדיגע נויטווענדיגקייט קורצער צו מאַכען די אַרבייטס־שטונדען. האָט דאָך אונזער אינדוסטריע דערווייל נאָך קיינמאָל נישט געליטען פון דעם וואָס מען רופט „איבער־פּראָדוקציאָן." קיין אַרבייטער אין אונזערע טריידס פעהלען נאָך דערווייל ניט אויס, ניבער זיינען כסדר דאָ א סך לערנ־נגעהער.

אָבער דאָס אַליין וואָלט נאָך געווען אין נאָרמאַלע צייטען, ניט אונטער די באַדינגונגען וואָס הערשען איצט אין לאַנד.

ווי עס איז באַקאַנט צו יעדען איינעם וואָס אינטערעסירט זיך מיט דער אַרבייטער־באַוועגונג, הערשט יעצט אין לאַנד א שרעקליכע רעאַקציע. דער גרויס־קאַפּיטאַל האָט זיך פאָרגענומען צו־ריקצוערזעהן דעם האַר פון פראַגרעס, און אַלס רעזולטאַט האָט זיך אָנגעפאַנגען א שטאַרקע באַוועגונג פון די רעאַקציאָ־נערען איינצופיהרען דעם אָפּען־שאָפּ אין אַלע אינדוסטריען.

עס איז א באַוואוסטער פאַקט, דאָס די פינסטערע כחות פון לאַנד האָבען אין פילע אינדוסטריען, אָרגאַנטערנעשני־טען ווײדזשעס. אין מאַנכע אינדוסטרי־ען ניט איינמאָל, נאָר צוויי און דריי מאָל; אין מאַנכע אינדוסטריען זיינען זיי געווען אויך ערפאָלגרייך צו פאַרלענ־גערען די אַרבייטס־שטונדען, און האָבען געשאַפען אזא לאַגע וועלכע האָט מאַנכע יוניאָנס, אויב ניט אינגאַנצען צוברעכען, אונטערגעגראַבען זייער איינפלוס און מאַכט. און דאַרום מוז מען זיך רעכענען מיט די אומשטענדען, וועלכע זיינען גע־שאַפען געוואָרען, און אונזער טעטיגקייט יעצט מוז זיך דערווייל באַשרייַנקען אויף דעם, ווי אַמשטאַרקסטען צו באַפעסטי־גען אונזערע יוניאָנס, אום מיר זאָלען קענען אָפּהיטען די שוין געוואָנענע אַר־בייטס־באַדינגונגען. מיר וועלען דאַרפען זעהען אויסאַרבייטען פּלענער פאַר דער צוקונפט, וועלכע זאָלען באַפעסטיגען אונזער אינטערנעשאַנאַל, אז דעם שעה־נעם געוואוינענעם פּלאַץ, וואָס זי האָט אין דער אַרבייטער באַוועגונג זאָל פאַר־זיכערט ווערען.

איינע פון די וויכטיגסטע אישוס, וועלכע מאַטערן אונזערע מעמבערס, און

צוזאַמען די גאַנצע אַרבייטער באַוועגונג, איז אַרבייטסלאָזיגקייט. מען וואַרפט אונז אויף וואָס מיר טרייבן ניט צו ציען אָט די פּראָבלעמען, וואָרים מיר שאַפען ניט אַט די אַרבייטסלאָזיגקייט.

די וואָס טענה'ן אזוי ווייסען אויך ניט וואָס זיי רעדען. אַרבייטסלאָזיגקייט איז א חיות פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט. אזוי לאַנג ווי מען וועט פּראָדוצירען בלויז צוליב פּראָפיטען וועט פון צייט צו צייט אין די אינדוסטריען א שטילשטאַנד, ווערבער פאַראורזאַכט אַרבייטס־לאָזיגקייט און ברענגט א חורבן אין דעם לעבען פון די אַרבייטער. ווען די אַרבייטסלאָזיגקייט בלויז אין אונזער אינדוסטריע קענען מיר ניט, ווייל מיר זיינען א טייל פון דער גאַנצער פּראָדוצירענדער אַרמיי. אונזער אינדוסטריע איז בלויז א לינק אין דער גרויסער קייט פון די פאַרשידענע אינדוסטריען אין לאַנד. אונזער אינדוסטריע איז א פאַר־בינדונג פון די אנדערע אינדוסטריען אין לאַנד, און ווען אין די אנדערע אינ־דוסטריען איז שטיל, מוז זיך דאָס אויך באַרינגט אָפּרופען אויך אויף אונזער אינ־דוסטריע. און וואָס קאָן די יוניאָן טאָן צו דעם?

אָבער דאָס איז זיכער א פּראָבלעם, איבער וועלכען די קאָנווענשאָן וועט זיך מוזען פאַרטראַכטען. אויב די פּראָבלע־מע פון אַרבייטסלאָזיגקייט קען ניט גע־לייזט ווערען אין אונזער אינדוסטרי וועט זיך די קאָנווענשאָן מוזען פאַרטראַכטען צו געפינען א מיטעל ווי צו לינדערען די יסורים פון די אַרבייטסלאָזע מעמבערס.

אינטער די אומשטענדען וואָלט אפשר נייטיג געווען גלייך צו שאַפען אַן אַרבייטסלאָזען פאָנד. אַן אַרבייטסלאָזער פאָנד, דורך וועלכען מען זאָל קענען העלפען די וועלכע ווערען אַמשטאַרקס־טען געשטראָפט מיט דער קללה פון אַר־בייטסלאָזיגקייט.

א צווייטע פּראָבלעם פאַר דער הייַנט־יגער קאָנווענשאָן וועט זיין וואָך־אַרבייט.

מיר וועלען מוזען ביי דיזער קאָנווענ־שאָן זיך דורכרעדען, קומען צו א פאַר־שטענדניס, אַריינברענגען קלאָרקייט, — ווי אזוי מיר וועלען קענען אַמבעסטען אויפהאַלטען די וואָך־אַרבייט אין די בראַנטשעס פון אונזער אינדוסטריע וואו דאָס איז שוין איינגעפיהרט, און אויך איינצופיהרען וואָך־אַרבייט אין אַלע אַנ־דערע בראַנטשעס.

עס איז דאַכט זיך קלאָר געוואָרען פאַר אַלעמען, וועלכע האָבען זיך אינטע־רעסירט מיט אונזערע פראַגען און פּראָב־לעמען אז וואָך אַרבייט איז די בעסטע סיסטעם, איז די מעהר מענשליכע סיס־טעם פון אַרבייט. אָבער עס וועט זיין זעהר שווער צו פאַרזיכערען אַט די סיס־טעם פון אַרבייט אויב מען וועט ניט גע־פינען א וועג ווי אזוי מיר קענען באַ־שטעטיגען די איבעריגע טענות פון די בעלי בתים וועגען „פאַר־יטער" און די „דזשאַב."

איך גלייב, אז עס דאַרף שוין זיין דער פאַל אַלעמען, דאָס די יוניאָן דאַרף ניט די מינדעסטע סימפּאַטיע פאַר וועלכע אַרבייטער, אויב עס זיינען דאָ וועלכע, וואָס פאַרדינען אָן די דזשאַב אבודסטייך. אויב וועלכע אַרבייטער זיינען דאָ, זיינען זיי מעהר א אויסנאַהם פאַר די יוניאָן ווי פאַר די באָס ביי וועמען זיי אַרבייטען. מיר זיינען קעגען די וואָס „פאַרדינען אָן די דזשאַב" פּונקט ווי מיר זיינען קעגען יענע אַרבייטער וואָס יאָגען זיך אַרום די נייער ביי דער אַרבייט, צו באַקומען א העכערע מעהר. דער יוניאָנ'ס פּרינציפּ איז, אז אין איז אַלע מאָל געזען, „אן ערליכער טאָג אַר־בייט, פאַר א געהעריגען וויידזש." עס וועט אַלזאָ, מיר נייטיג זיין א ווענג, אַרויף עפּעס א מיטעל, אויף צו האַנדלען מיט די טענות פון די בעלי בתים, וועלכע ווי האָבען קלעטערען אזוי פאַסטער געמאַכט מיטן „פאַרדינען אָן די דזשאַב."

ניט נאָך דעם געשריי וואָס די בעלי בתים האָבען געמאַכט וועגען דעם קאָן מען ווירקליך מיינען, דאָס אַלע וואָך־אַרבייטער „פאַרדינען אָן די דזשאַב", וואָס דאָס איז דאָך ווייט ניט דער אמת. דאָס איז דאָך פּשוט א פאַר־לוימדונג אויף אַלע אַרבייטער.

עס איז דעריבער זעהר נייטיג, אז די קאָנווענשאָן זאָל דיזע פראַגע אויפ־נעהמען און קומען צו א געוויסען באַ־שלוס. דאָס וועט זעהר ניט [illegible] מען פאַר די נייע אַדמיניסטראַציע פון אונזער אינטערנעשאָנאַל. ווען מען וועט ווייסען באַשטימט ווי צו האַנדלען אין דער פראַגע, וועלכע נעהמט דאָך אַלע וויילע אַרויף אין טאַגעס־אָרדנונג, כמעט ביי יעדען צוזאַמענשטויס צווי־שען דער יוניאָן און די מאַנופעקטשו־רער אין אונזער אינדוסטריע.

און ווי האָט עס וועגען „לינקס" און „רעכטס"? וועגען די „לינקע" און „רעכטע" אין אונזער יוניאָן? וועט אַט די פראַגע פון דער קאָנווענשאָן איגנאָ־רירט ווערען, אָדער עס וועט מוזען אַרויסגעבראַכט ווערען קלאָר און דייט־ליך, ווי ווייט אונזער אינטערנעשאַנאַל יוניאָן, אַלס עקאָנאָמישע אָרגאַניזאַציע, קאָן זיך פאַרנעהמען אויף'ן יענעם פון דעם זאָגענאַנטען „לינקיזם"?

אויב דיזע פראַגע וועט אַרויפקומען אויפ'ן טאַגעס־אָרדנונג פון אונזער קאָנ־ווענשאָן, וועט דאַרפען איין מאָל פאַר אַלע מאָל באַשטימט ווערן, לויט וועלכער פּאָליסי די יוניאָן דאַרף זיך פיהרען אין די אַלע צוזאַמענשטויסען מיט די בעלי בתים וואָס מען קאָן ערוואַרטען אין אונ־זער אינדוסטריע אין דער נאָר נאָהענטער צוקונפט. עס וועט דאַן מוזען פעסטגע־שטעלט ווערען, צי עס איז דאָ עפּעס קאָנ־קרעטעס אין דעם געפילדער פון די „לינ־קע" אין באַצוג אונזער יוניאָן, אָדער דאָס זיינען בלויז פּוסטע פראַזען פון ניט אויסגערעכנטע מענשען, פון מענשען, וועלכע זיינען ניט בכוח זיך איינצוטראַכ־טען אין דער ריכטיגער לאַגע; וועלכע ווייסען ניט דעם אונטערשיד פון דעם צו וואָס מען דאַרף שטרעבען ביז דאָס וואָס מען קאָן שוין היינט קריגען.

קורץ, פאַר אונזער קאָנווענשאָן וועט געוויס ניט פעהלען קיין פראַגען און פּראָבלעמען, וואָס וועלען דאַרפען גאַנץ גענוי, מיט א סך איבערלייגונג, דיסקו־טירט ווערען און עס ווילט זיך שטאַרק האָפען, דאָס דער קאָנווענשאָן וועט זיך איינגעבען צו געפינען די בעסטע לעזונג פאַר די אַלע פראַגען און פּראָבלעמען, וואָס עס וועלען דאָרט דיסקוטירט ווע־רען. יעדענפאַלס, אַלע אַנשטריינגונגען וועלען געמאַכט ווערען, אז אזוי זאָל עס ווירקליך זיין.

דער קוילען מיינער סטרייק.

ווען דער נומער „גערעכטיגקייט" וועט זיין אין די הענט פון אונזערע לעזער, וועט שוין דער דזשענעראַל מיינער סטרייק האָבען זיך אָנגעפאַנגען, נאָר א נס קאָן איהם אָפּווענדען. אָבער, ווי עס זעהט אויס, וועט דער נס ניט געשעהן. די קוילען־מאַגנאַטען זיינען פעסט אַנטשלאָסען צו שניידען די ווייַדזשעס פון די קוילען גרע־בער, און צו שינדען די הויט פון דעם קוילען־פאַרברויכער אזוי לאַנג, ווי דער סטרייק וועט אָנהאַלטען. ווי לאַנג דער סטרייק וועט אָנהאַלטען, דאָס קאָן קיי־נער ניט פאָראויסזאָגען, אָבער, לויט אַלע סימנים, וועט עס זיין א זעהר, זעהר בי־טערער קאַמף, ווייל, כאָטש די דירעקטע אורזאַכע פון דעם קאַמף איז דאָס, וואָס די מינען איינגענטימער ווילען, אז די מיי־נער זאָלען אַראָפּלאָזען פון זייערע ווייַ־דזשעס, אָבער מעהר פון אַלץ ווילען די מינען איינגענטימער אין גאַנצען צוברעכען די יוניאָן. דאָס איז זייער הויפּט ציל, און וועלכען זיי ווערען אונטערשטיצט פון דער גאַנצער איצטיגער רעאַקציע, ווי אויך פון דער גאַנצער פינאַנץ־וועלט, מיט דעם שטאָל טראַסט, אַלס דעם אָנפיהרער. דער בעסטער באַווייז דערצו איז דער, דאָס די איינענטימער פון די ווייכע קוילען מינען האָבען זיך אַנטזאָגט נאָר אין גאַנצען צו פאַרהאַנדלען מיט דער יוניאָן.

✱

געוויינליך, ווען אזא סטרייק פון אזא וויכטיגקייט און פון אזא גרויס פלענט האַלטען ביים אויסברעכען, פלעגט די רע־גירונג זיך אריינמישען און זעהן עפּעס צו טאָן. דאָס מאָל אָבער שטעהט די רעגי־רונג פון ווייטען. א סימן, אז זי האָט פון די איינענטימער געקראָגען א וואונק, אז איהר אריינמישען זיך איז איבעריג און אומגעבעטען. דאָך האָט די רעגירונג גע־האַלטען פאַר נויטיג מתרה צו זיין די אַר־בייטער, אז אין פאַל עס וועט קומען צו א קוילען הונגער, וועט זי געוויס מוזען זאָר־גען, אז דער עולם זאָל ניט פרירען... דאָס איז א קאָפּוליער אָנצוהערעניש. אָבער דערווייל איז נאָך ווייט צו דעם. ווי עס הייסט, האָבען די קוילען גרעבער אָנגע־גרייט א סטאָק קוילען, וואָס איז גענוג פאַר א גאַנצען מאָנאַט. דאַן זיינען דאָ גענוג ניט יוניאָן קוילען מינען, וועלכע וועלען באַזאָרגען די נויטיגע קוילען פאַר די באַהנען און פעקטאָרים. וואָס אָנבאַ־לאַנגט די קוילען פאַר דעם הויזליכען גע־ברויך, איז עס דאָך דערווייל זומער, און ווער רעכענט עס וועגען קוילען זומער־צייט?

✱

דאָס מאַכט פילע דענקען, אז דער איצ־טיגער סטרייק וועט זיין א זעהר שווערער און א זעהר לאַנגער. פילע זיינען פון דער מיינונג, אז אונטער די אומשטענדען איז דער קאַמף כמעט א האָפנונגסלאָזער. מיר גיבען צו, אז די לאַגע איז א זעהר ערנסטע, אָבער זעהר ווייט פון צו זיין האָפנונגס־לאָז. די מיינער האָבען זיך אויסגעצייַ־כענט צו אַלע צייטען דורך זייער בראַוור־קייט, דורך זייער אויסדויער קראַפט און דורך זייער איינינקייט. זיי ווייסען, אז זייער קאַמף איז דער קאַמף פאַר זייער רעכט צו זיין אָרגאַניזירט. זיי ווייסען, אז דער קאַמף איז איינפאַך אויף זיי אַרויסגעצוואונגען געוואָרען. און זיי וועלען אזוי לאַנג שטעהן אין קאַמף, ביז ער וועט געוואונען ווערען.

✱

צו דעם דאַרף מען האָבען אין זינען, דאָס די גאַנצע אַרבייטער באַוועגונג איז מיט די מיינער. וואָרום די אָרגאַניזירטע אַרבייטער פון איבער דעם גאַנצען לאַנד ווייסען, אז ווען די מיינערס יוניאָן וועט צובראָכען ווערען, וועט עס זיין דער שטאַרקסטער קלאַפּ פאַר דער גאַנצער אַר־בייטער באַוועגונג. זיי וועלען דאַרום קו־מען די סטרייקענדע מיינער צו הילף מיט וואָס זיי וועלען נאָר קאָנען. מעהר פון אַלץ קאָן מען האָפען אויף דער שטאַרק־סטער הילף פון דער זייט פון די אייזענ־באַן אַרבייטער יוניאָנס, מיט וועמען די מיינערס יוניאָן האָט ניט לאַנג צוריק גע־שלאָסען אַן אַליאַנס. עס איז, אפשר, ניט צו ערוואַרטען, אז די אייזענבאַהן אַרבייַ־טער זאָלען באַשליסען אַרויסצוגעהן אין א סימפּאַטיע סטרייק. אין אזא פאַל וואָלט דער מיינער סטרייק גאָר גיך זיך געענ־דיגט, אָבער אין גאַנצען אוממעגליך איז עס ניט. עס האָבען שוין פּאַסירט אין אונזערע צייטען גרעסערע וואונדער. יע־דענפאַלס, קאָנען די מיינער ערוואַרטען די גרעסטע הילף פון פאַרשידענע זייטען. מיט דער הילף פון אונזערע יוניאָנס, וויפיל נאָר זיי וועלען זיין בכוח, און נאָך מעהר, וויפיל זיי וועלען קאָנען, זיינען זיי געוויס זיכער. און דערפאַר איז די לאַגע, שווער ווי זי איז, בשום אופן ניט קיין האָפנונגס־לאָזע. מיר האָפען, מעהר, מיר זיינען איבערצייגט, אז ווי לאַנג דער סטרייק זאָל מוזען אויסגעפאַכטען ווערען, אָבער סוף כל סוף וועט ער זיך ענדיגען מיט א זיג פאַר דער מעכטיגער מיינערס יוניאָן.

פרעזענטירען דעם שאַפּ־טשערמאַן.

מיר, די אַרבייטער פון דער פירמע בלאָק און שילער, 142 וועסט 29טע סט. דריקען אויס אונזער טיפסטען דאַנק און אָנערקענונג צו אונזער שאַפּ טשערמאַן, ברודער דזש. האָפּמאַן פאַר זיין גוטער און איבערגעבענער אַרבייט פאַר אונזער שאַפּ און פּרעזענטירען איהם מיט א גאָל־דענע וואַטש און טשיין.

האָפענדיג, אז ער וועט אין דער צו־קונפט פאָרטזעצען זיין גוטע אַרבייט אין די אינטערעסען פון שאַפּ ווינשען מיר איהם ער זאָל נוצען דעם פּרעזענט גע־זונטערהייט.

די קאָמיטע:

סעם גאָלים

סעם סטערנמאַן

איזידאָר קאַמאַקאָוסקי.

יעדער מיט זיין טרויער

פון י. י. שוואַרץ.

יעדער איינער מיט זיין טרויער,
יעדער איינער מיט זיין לייד —
נאָט, מיין גאָט, אין דיינע אוצרות
איז דען וועניג טרייסט און פרייד?

זעה, מיר שמאַכטען אין דער פינסטער,
שוואַך און אָפּהענדיג און מיד.
אויף די ליפּען ווערט פאַרגליווערט
שווער און טריב דאָס לעצטע ליד.

זעה דעם שטילען צער פון וועלקער.
האָרך דעם לעצטען שטילען רוף...
און דאָס בלוט פון אונזער הארצען
פאַלט אין טראָפּענס טריעף נאָך טריעף.

GERECHTIGKEIT

A Jewish Labor Weekly

Published every Friday by the International Ladies' Garment Workers' Union
Office: 3 West 16th St., New York, N. Y.

B. SCHLESINGER, President. S. YANOFSKY, Editor.
A. BAROFF, Sec'y-Treas. ABRAHAM TUVIM, Business Mgr.

Subscription price paid in advance: $1.00 per year.

Vol. IV. No. 13. New York, Friday, March 31, 1922.

Entered as Second Class matter April 16, 1920, at the Postoffice at New York, N. Y., under the act of August 24, 1912.
Acceptance for mailing at special rate of postage provided for in section 1103, Act of October 3, 1917, authorized on January 25, 1919.

פון רעדאקטאר'ס נאטיץ־ביכעל

וואס די רעגירונגס־אונטערזוכונג האט געזאלט אויפטאן.

לויט א באריכט פון וואשינגטאן זאלען די טען ב. שלעזינגער פון דער יוניאן און ל. רוסטיג פון דער מאנופעקטשורערס אסס'ן קריגען א בריף פון די סעקרעטערע האאווער און דייוויס, אין וועלכע זיי לאזען זיי וויסען, אז דער פלאן פאר דער רעגירונגס אונטערזוכונג אין דער קלאוק־אינדוסטריע ווערט אויפגעגעבען. ווער עס איז שולדיג אין דעם, וואס פון דעם גאנצען פלאן האט זיך גאר ניט אויסגעלאזט, האבען מיר קלאר געמאכט אין די צוויי לעצטע נומערן „גערעכטיגקייט". מיר האלטען אבער פאר נויטיג צו צולעגען, אז כאטש די יוניאן האט לכתחילה גאר ניט געהאט וואס אויסצושטעלען געגען א גרינדליכע און שטרענג אומפארטייאישע אונטערזוכונג, נאר בדיעבד, אז עס האט זיך אזוי געמאכט, און פון „דער" אונטערזוכונג איז גאר ניט געווארען, וועט די יוניאן קיין טרער אויף דער ניט דורכגעפיהרטער אונטערזוכונג ניט פארגיסען. ווארום פון די אויסדריקע פון די סעקרעטערע איז קלאר, אז זיי האבען געהאט שטארק ברעה אויפצוהויבען אויף דאס נייע די פראגע פון וואך און שטיקארבייט — עפּעס, וואס די יוניאן איז פעסט אנטשלאסען קיינמאל, קיינמאל ניט צו דערלאזען; עס זעהט אויך אויס, אז די מאנופעקטשורער האבען געוואוסט, אז די אונטערזוכונג וועט עס מאכען פאר איהר הויפט ארבייט אויפצוהויבען די פראגע וועגען וואך־ארבייט אין דער קלאוק אינדוסטריע, און נאר דערפאר האבען די לעצטע מסכים געווען צו דער אונטערזוכונג. ניט קאנענדיג ווידער איינפיהרען די שקלאפעריי פון שטיק־ארבייט דורך אן אפענעם קאמף, האבען זיי געמיינט צו קאנען עס אויספיהרען דורך דער הינטערטיר פון דער רעגירונגס אונטערזוכונג. די רעגירונגס־אונטערזוכונג האט געזאלט זיין, אויב די באסעס וואלטען אויסגעפירט זייער ווונש, א פאסטקע פאר דער יוניאן. ווארום, עס איז דאך גאנץ קלאר, אז ווען די אונטערזוכונגס קאמיסיע וואלט ארויסגעקומען מיט איהר פלאן פאר שטיק־ארבייט, וואלט עס געווען זעהר שווער דאן פאר דער יוניאן צו שטעלען זיך געגען דעם פלאן. די מאנופעקטשורערס וואלטען געהאט פאר זיך די רעגירונג און צוזאמען מיט איהר די גאנצע עפענטליכע מיינונג: ווי סטיימש, די יוניאן געהט געגען דעם פסק דין פון אן אומפארטייאישער אונטערזוכונגס קאמיסיע?

❦

דאס איז געווען דער געדאנק פון די באסעס, ווען זיי האבען אזוי גיך איינגעווילינגט צו דער אונטערזוכונג. און, הלמאי זאלען מיר עס לייקענען, פון זייער זייט איז עס געווען א גאנץ קלוגער „מואוו", ווי אזוי צוריקברענגען די סיסטעם פון שטיק־ארבייט. איין זאך אבער האבען זיי פארגעסען, אז די יוניאן האט אזעלכע קלוגע סטראטעגיקער, ווי זיי, און נאך אפשר א האראלע קליגער. שלעזינגער האט באלד דערפילט, וואס אייגענטליך די אונטערזוכונג באצוועקט, און ער האט געהאלטען פאר נויטיג קלאר צו מאכען אין זיין קארעספאנדענץ מיט די סעקרעטערע האאווער און דייוויס, אז וואס אנבאטרעפט די פראגע פון וואך־ארבייט, די טאר פון דער אונטערזוכונגס קאמיסיע גאר ניט אויפגעהויבען ווערען. און, מערקווירדיג, אזוי שנעל, ווי ער האט געמאכט זיין שטעלונג פעסט און קלאר, האבען די מאנופעקטשורערס פארלארען זייער גאנצע באגייסטערונג פאר דער אונטערזוכונג. און ווירקליך, וואס טויג זיי די גאנצע אונטערזוכונג, ווי באלד זייער גרויסען חשק נאך שטיקארבייט וועט די אונטערזוכונגס־קאמיסיע בשום אופן ניט קאנען באפרידיגען.

❦

און אזוי איז גאר ניט געווארען פון דער אונטערזוכונג, וועלכע, ווען זי וואלט ווירקליך אויפגענומען געווארען אהן אירגענד וועלכע הינטער־געדאנקען, וואלט געקאנט זיין פון גרויסער וויכטיגקייט פאר דער קלאוק אינדוסטריע. א ווירקליך אומפארטייאישע אונטערזוכונג וואלט זיכער געמוזט ארויסברענגען גאנץ קלאר, ווער עס איז שולדיג אין דעם, וואס אונזער אינדוסטריע איז אין אזא תוהו ובוהו צושטאנד; ווער עס איז שולדיג אין דעם, וואס קלאוקס זיינען אזוי טייער; און וואס איז די אורזאכע, וואס אין אן אינדוסטריע, וועלכע צעהלט זיך צווישען די גרעסטע אין אמעריקא, קאנען די ארבייטער, וועלכע געהערען אלע צום קלאס פון „סקילד ווארקערס", קוים א לעבען מאכען. יא, די אונטערזוכונג וואלט געוויס געקאנט זיין פון גרויסען נוצען; אבער דאס האבען די מאנופעקטשורערס ניט געוואלט; זיי האבען די אונטערזוכונג געוואלט פארוואנדלען אין א פאסטקע פאר דער יוניאן. מעהר, ווי האבען דורך דער אונטערזוכונג געוואלט צוברעכען די יוניאן, אדער ווי ווייט מעגליך פאראליזירען איהרע כחות. נאטירליך, האט פאר אזא אונטערזוכונג די יוניאן ניט דעם מינדעסטען געברויך. און ניט נאר באדויערט זי ניט, וואס פון דער אונטערזוכונג איז גאר ניט געווארען, נאר זי נעמט זיך קרעדיט, וואס זי האט אויך איהר חלק בייגעטראגען, אז פון אזא אונטערזוכונג זאל גארניט ווערען. אזא אונטערזוכונג וואלט געווען איינפאך א מילשטיין אויף איהר האלז, וועלכער, אויב ער וואלט איהר אין גאנצען ניט דערווארגען, וואלט אבער ביז צו א גרויסען גראד גערויבט איהר פון דער מעגליכקייט צו ערפילען איהרע פליכטען צו דער גרויסער מעמבערשיפ.

———

וואס די באסעס האבען איצט אין זינען

לויט די נייסטע קלאנגען, וואס טראגען זיך ארום, האט די „פראטעקטיוו" ברעה אויפצוגעבען איהר „לייבאר דעפארטמענט". דער לייבאר דעפארטמענט — דאס איז דאך געווען די הויפט ארבייט פון דער „פראטעקטיוו". און וואס די „פראטעקטיוו" וועט טאן נאך דעם, ווי איהר הויפט טעטיגקייט וועט פארשווינדען, איז פאר אונז שווער צו זאגען. אבער דאס איז ניט אונזער עסק. דאס איז זייער עסק. די הויפט זאך, וואס אונז אינטערעסירט, איז, דאס די פראטעקטיוו האט ברעה אויפצוגעבען איהר „לייבאר דעפארטמענט". דאס מיינט צו זאגען, אז די מאנופעקטשורערס זיינען אנטשלאסען ניט צו האנדלען מעהר מיט דער יוניאן, קאלעקטיוו, אלס א גאנצע קערפערשאפט, נאר זיי מיינען איבערצולאזען יעדען מאנופעקטשורער צו פארהאנדלען מיט דער יוניאן. און, אפשר, מיינט עס נאך מעהר, ווי דאס. לויט אוון מאנופעקטשורער האט אויסגעגאסען זיין ביטער הארץ אין דער „ניו יארק טיימז" פון לעצטען זונטאג, האבען זיי ברעה, אז יעדער מאנופעקטשורער אינדיווידועל זאל פארהאנדלען מיט „ד י ר ע פ ר ע ז ע נ ט א נ ט ע ן פ ו ן ד י א ר ב י י ט ע ר". און ער מיינט, אז דאס וועט לאגיש פיהרען צו אן אפשוואכונג פון דער יוניאן, און ארונטערברענגען דעם ארבייטס פרייז. „מיר זעהען פאראויס — ערקלערט צו ענדע דער דאזיגער מאנופעקטשורער — די זעלבע קאנקורענץ צווישען די ארבייטער, ווי די, וועלכע עקזיסטירט איצט צווישען די מאנופעקטשורערס".

❦

ווען דער מאנופעקטשורער וואלט געוואלט ריידען איינפאכע רייד, וואלט ער געזאגט, אז מיר געהען ניט מאכען קיין קאלעקטיווען אגרימענט מיט דער יוניאן. יעדער מאנופעקטשורער וועט זעהן ווי עס איז אויסצוקומען מיט ז י י נ ע ארבייטער, אדער מיט זייערע פארשטעהער, און אין גאנצען איגנארירען די יוניאן. און אז די יוניאן וועט ניט האבען וואס צו זאגען וועגען דעם פרייז, די שטונדען, דעם ארבייטס סיסטעם אין די שעפער, וועט זי גאנץ לאנגזאם מוזען אויסגעהן, און דאן וועט זיך אנפאנגען די גרויסע קאנקורענץ צווישען ארבייטער און ארבייטער, און די קלאוק אינדוסטריע וועט פטור ווערען פון דער יוניאן, וואס האט איהר ביז איצט ניט געלאזען א קאפ אויפהויבען.

❦

אין דעם פלאן איז דא איין קליינער חסרון. עס ווערט ניט פאראויסגעזעהן, וואס די יוניאן וועט טאן אין פאל די מאנופעקטשורער זאלען ווירקליך אויפגעבען זייער לייבאר דעפארטמענט און זיך אנטזאגען צו פארהאנדלען מיט דער יוניאן, אלס דער רעפרעזענטאנט פון די בעלי־מלאכות. לאמיר דארום דערמאנען די מאנופעקטשורערס אן איינינע פאסירונגען, וועלכע זיי מוזען זיכער געדענקען.

❦

מיט איינינע יאהר צוריק האבען די מאנופעקטשורערס באשלאסען צו מאכען א סוף צו דעם „פראטאקאל", וועלכער האט רעגולירט פאר דעם משך פון עטליכע יאהר די באציהונגען צווישען דער מאנופעקטשורערס אססאסיאישאן און דער יוניאן. דער געדאנק איז געווען, אז עס איז דער פראטאקאל, וועלכער האלט אויף די יוניאן ביים לעבען. וואס איז געווען דער רעזולטאט? דער פראטאקאל איז טאקע אפגעשאפט געווארען, אבער די יוניאן איז דורך דעם ניט נאר געווארען שוואכער, נאר פונקט פארקערט, אלץ שטארקער און אלץ מעהר אגרעסיוו. און דער סוף איז געווען, דאס די אססאסיאישאן האט ווידער געמוזט אריינגעהן אין קאנטראקט באציהונגען, ווי די לאיערס דריקען זיך אויס, מיט דער יוניאן.

❦

ערשט גאר ניט לאנג, ווען די אססאסיאישאן האט זיך אנטזאגט אויסצופאלגען דעם באשלוס פון דער גאווערנאר קאמיטע, האט זי ווידער פאר פילע מאנאטען אפגעבראכען אלע באציהונגען מיט דער יוניאן. נו, האט עס עפעס געשאדט דער יוניאן? און האבען זיי ווירקליך געקאנט טאן עטוואס, וואס זאל געהן להיפוך די באדינגונגען פון דעם אנגענומענעם קאלעקטיווען אגרימענט? זיי ווייסען, אז דאס איז בשום אופן ניט געווען דער פאל, טא ווארום מיינען זיי, אז מיט דעם, וואס זיי וועלען אפשאפען זייער לייבאר דעפארטמענט, וועט די לאגע ווערען אנדערש, און צווישען די ארבייטער וועט זיך אנפאנגען א האלז שניידענדע קאנקורענץ?

❦

„די מאנופעקטשורערס וועלען פארהאנדלען אינדיווידועל מיט זייערע ארבייטער", אזוי שטעלט זיך פאר די לאגע דער מאנופעקטשורער, וועלכער האט אויסגעגאסען זיין הארץ אין דער „טיימז". און מיר זיינען זיכער, אז די לאגע וועט זיין פיל, פיל אנדערש. ווען דער מאנופעקטשורער וועט זיך ווענדען אינדיווידועל צו ז י י נ ע ארבייטער וועגען געוויסע ארבייטס באדינגונגען, וועלען איהם ז י י נ ע ארבייטער ענטפערען פשוט און פראסט: „מיר האבען א יוניאן, זי איז אונזער פארשטעהערין, רעדט מיט איהר, אויב איהר ווילט. דערווייל וועלען מיר אדער ארבייטען אונטער די באדינגונגען, וועלכע מיר האבען אויסגעקעמפט פאר זיך אונטער דער שוץ פון דער יוניאן, אדער מיר וועלען גאר ניט ארבייטען". דאס וועט זיין דער ענטפער פון די ארבייטער, ווי מיר שטעלען זיך פאר, אין יעדען שאפ. קיין אנדער ענטפער וועלען די מאנופעקטשורערס קיינמאל, קיינמאל ניט הערען פון זייערע ארבייטער. און אט אן דעם ענטפער וועט צושמעטערט ווערען דער גאנצער שעהנער פלאן פון די מאנופעקטשורערס, וועלכער איז פון זיי אזוי שעהן פארטראכט געווארען, פונקט, ווי דאס איז געווען דער שיקזאל פון אלע זייערע פריהעריגע פלענער.

❦

דער איינציגער וועג פאר די מאנופעקטשורערס צו ברענגען ארדנונג אין דער קלאוק אינדוסטריע, איז צו ארבייטען, צו קאאפערירען מ י ט דער יוניאן, ניט אהן איהר. דעם געדאנק, אז זיי קאנען עפעס אויפטאן אהן דער יוניאן מוזען זיי איין מאל פאר אלע מאל זיך פון קאפ ארויסשלאגען. דאס איז א געפעהרליכער געדאנק, וואס וועט זיי סוף כל סוף רואינירען, אויב זיי וועלען פון איהם איין מאל פאר אלע מאל ניט לויז ווערען. און איין מאל וועלען זיי גרינדליך באגרייפען, אז אלע זייערע פלענער, אין וועלכע זיי נעמען ניט אין אנבאטראכט די יוניאן, איז ניט מעהר ווי א זייפענבלאז, וועלען זיי דאן ערשט אנהויבען געהן אויף דעם ריכטיגען וועג. נאר צוזאמען מיט דער יוניאן קאנען זיי פטור ווערען פון פילע צרות, פון וועלכע די קלאוק אינדוסטריע ליידט. זיי באשולדיגען די יוניאן אין דעם, וואס דער קליינער קאנטראקטאר קאנקורירט מיט זיי. דער אמת איז, אז דעם קאנטראקטאר האבען זיי אליין באשאפען, אין זייער בלינדקייט און אין זייער גייעג נאך א מאמענטאנעם פראפיט, א פראפיט פון גראשענס; אבער, ווער עס זאל ניט זיין פאראנטווארטליך פאר דער דאזיגער צרה, אבער פטור ווערען קאנען זיי נאר פון איהר דורך דער נעהנטסטע מיטארבייטערשאפט מיט דער יוניאן. דאס זעלבע איז דער פאל מיט פילע אנדערע איבלען. און דערפאר, דער איינציגער וועג, וואס בלייבט פאר די מאנופעקטשורערס, איז ניט אפצושאפען דעם לייבאר דעפארטמענט, נאר שוין גלייך צוטרעטען צו נייע פארהאנדלונגען מיט דער יוניאן, אזוי, אז איידער דער אלטער אגרימענט געהט אויס זאל שוין זיין פארטיג א נייער אגרימענט, וועלכער זאל פארזיכערן פאר א געוויסע צייט פרידען אין דער אינדוסטריע.

❦

נאטירליך, צוליב דעם מוזען זיי איין מאל פאר אלע מאל אפזאגען זיך פון דעם פוסטען חלום, אז זיי קאנען ווידער איינפיהרען שטיק־ארבייט אדער א לענגערען ארבייטס טאג, אדער נאך אזעלכע פוסטע איינרעדענישען. זיי מוזען פארשטעהן, אז דאס, וואס די יוניאן האט פאר דעם ארבייטער אויסגעקעמפט, דאס מ ו ז בלייבען. און אויף דעם באזיס טרייען מיט פאראייניגטע כחות אפצושאפען פילע איבלען, וועלכע זיינען דא און לייזען פילע פראבלעמען, וועלכע קיינער וויל נאר ניט פארלייקענען.

❦

דאס איז א ו נ ז ע ר מיינונג. און מיר זיינען איבערצייגט, דאס פריהער אדער שפעטער וועט זי אויך מוזען אנגענומען ווערען פון די מאנופעקטשורערס. מעהר ניט, ווי עס ווייזט אויס, וועלען די מאנופעקטשורערס פריהער מוזען דורכמאכען א שטיקעל צייט פון צרות און שטורמס, איידער זיי וועלען קומען צו דער זעלבער מיינונג. מיר וואלטען זיי עס געוואלט פארשפארען; אבער, ווי עס שיינט אונז, וועלען אונזערע געדאנקען געפינען גאנץ ווייניג אפקלאנג אין זייערע מוחות. נון, וועלען זיי מוזען לערנען פון ביטערער ערפאהרונג, אז וואס זיי זאלען ניט אונטערנעמען, אבער אויסמיידען די יוניאן — דאס וועלען זיי קיינמאל ניט אויספיהרען.

———

דער קלאוקמאכער פאנד וואקסט!

מיט פרייד און מיט אמת'ען שטאלץ פארצייכנען מיר דעם פאקט, דאס די קלאוקמאכער האבען ענדליך ערוואכט צו דער עקזיסטירענדער געפאהר, און אין דעם משך פון די לעצטע עטליכע טעג איז אריינגעבראכט געווארען אין דער יוניאן די סומע פון איבער הונדערט טויזענט דאלער, און דאס עס זיינען דא אלע סימנים, דאס אין דעם משך פון די נעקסטע פאר וואכען, אויב ניט דער גאנצער פאנד, וועט אבער א באדייטענדער טייל פון איהם זיין אין דער טרעזשורי פון דזשאינט באארד.

❦

אונזער פרייד איז א דאפעלטע. ערשטענס, איז עס ווירקליך פון דער העכסטער וויכטיגקייט אין דעם איצטיגען מאמענט, ווען די מאנופעקטשורערס פאכען מיט'ן שווערד, אז די יוניאן זאל זיין ווי ווייט מעגליך באוואפענט מיט א ל ץ, וואס איז נויטיג, אום צו פיהרען א גרויסען און ערפאלגרייכען קאמף. צווייטענס, איז אט דאס שטראמען פון די טויזענטער און טויזענטער דאלערס אין דער טרעזשורי פון דזשאינט באארד פאר אונז דער בעסטער באווייז, אז מיר האבען גאר ניט וואס מורא צו האבען, דאס אונזערע קלאוק מאכער קאנען ארפגעפיהרט ווערען פון וועג דורך דאס בילען פון איינינע הינט, דורך אלערליי זלזולים און בלבולים פון אומפאראנטווארטליכע נפשות, וועלכע, צי זיי מיינען עס, צי ניט, זיינען די בעסטע פריינט פון די מאנופעקטשורערס.

❦

עס איז געווען גענוג איין מיטינג פון די שאפ טשערמען; עס איז געווען גענוג, אז אונזערע בעלי מלאכות זאלען ווירקליך באגרייפען, אז די שאפונג פון פאנד קאן ניט און טאר ניט אפגעלעגט ווערען אויף ווען עס איז, און איבערטאל האט זיך אנגעפאנגען א פייערדיגע, א העכסט ענטוזיאסטישע ארבייט, אז דער פאנד זאל געשאפען ווערען וואס שנעלער. ווער עס טראגט ביי דעם גאנצען אפעקמענט פון 20 דאלער, און ווער עס טראגט ביי דערווייל בלויז א טייל, אבער יעדער איינער טוט דאס מעגליכסטע פאר דער פארשטארקונג פון דער יוניאן מיט דער נויטיגער אמוניציע.

❦

זאל דאס זיין א ווארנונג פאר אונזערע מאנופעקטשורערס, וועלכע האבען, אפשר, געהאפט, אז די יוניאן וועט ניט זיין אין שטאנד צו שאפען דאס געלט, וואס איז נויטיג פאר א גרויסען קאמף, און דערפאר וועט עס זיי זיין לייכט צו באקעמפען איהר און צו ברענגען די ארבייטער „צום פארשטאנד". און זאל עס זיין א לערע פאר אונזערע פארלוימדער, אז זייער גאנצע שמוץ־ווארפעריי אויף דער יוניאן איז ארויסגעווארפענע ארבייט; אז זיי קאנען, אפשר, פארדרעהען די קעפלאך פון געצעהלטע איינצעלנע; אבער דאס אלע זייערע קוילען פון בלאטע און שמוץ שפרינגען אפ פון אונזערע גרויסע מאסען, פון דער רענק ענד פייל, וועלכע ווייסט ווי צו שעצען, ווי צו טייער האלטען איהר יוניאן.

———

אין דעם, וואס דער טערקישער סולטאן, לויט דער שריט פון סעווריס, איז באַרויבט געווארען פון זיין גאנצער מאכט און איינפלוס און איז געווארען פאַקטיש א געפאנגענער פון די עליים אין זיין פאלאץ אין קאנסטאנטינאפּאל. די מאכמעדאנישע באפעלקערונג איז שטארק ענטריסטעט פון דעם, ווייל די מאכמעדאנער האלטען דעם סולטאן, אדער קאליף, דער הויפּט פון דער מאכמעדאנישער רעליגיע, פּונקט ווי דער פּאַפּסט למשל איז דער הויפּט פון דעם קאטוילישען גלויבען.

גאנדהי האט אלזא אריינגענומען די קאליפאט־פראגע אויך אין זיין פּראפּאגאנדע. ער האט אריינגענומען אין זיין פּראגראם די פאדערונג פון די מאכמעדאנער, אז דער סולטאן זאל צוריק קריגען זיין מאכט און איינפלוס. דאס איז געווען וועהר א געלונגענער פּאליטישער [illegible]. מיט דעם איז איהם געלונגען צו פאראייניגען די צוויי הויפּט קעמפענדע צדדים אין אינדיען — די מאכמעדאנישע און די בודהיסטען, וואס ענגלאנד האט אזוי שטארק אויסגענוצט אלס א מיטעל פאר איהר הערשאפט אין אינדיען. דערמיט איז איהם געלונגען צו דערגרייכען א נאציאנאלע איינינקייט אין א געוויסער מאס.

פון אנפאנג איז די פּאליסי פון דער ענגלישער רעגירונג צו דער גאנדהי באוועגונג געווען א פּאליסי פון איגנארירען. די לאגיק פון דער ענגלישער פּאליסי איז געווען ווי עס שיינט, אזוי לאנג ווי גאנדהי איז נעגען געוואלד־מיטלען איז ניטא וואס צו מורא האבען פאר איהם. דער באיקאט, האט מען ערווארטעט, וועט פון זיך אליין איינפאלען. ענגלאנד איז שוין ניט איין מאל אויסגעקומען צו האבען אויף זיך באיקאטען און פונדעסטוועגען האט עס איהר ניט געשאדט. עס שיינט אבער, אז די ענגלישע פּאליטיקער האבען שטארק אונטערשעצט די טיפקייט און ערנסטקייט פון דער נאציאנאלער באוועגונג און די ווירקזאמקייט פון דעם ניט־קאאפּעראציאנס באוועגונג. ווי האבען ווארשיינליך פארפעהלט איינצוזעהן, אז גאנדהי'ס פּאסיווער קאמף גרייט צו דעם בארען פאר א סך א טיפערער און אגרעסיווערער באוועגונג, וואס וועט זיך שוין ניט באגנוגענען מיט א מילדען באיקאט.

דאס האט זיך ארויסגעצייגט אין דער צייט פון דעם באזוך פון קרוין־פּרינץ אין אינדיען. גאנדהי האט ערקלערט א באיקאט געגען קרוין־פּרינץ און דער באיקאט איז געווען זעהר א ווירקזאמער. אין א סך שטעדט האבען דעם פּרינץ באגעגנט מיילען־לאנגע פּוסטע גאסען. אין די שטעדט וואו דער פּרינץ האט יע באקומען א קבלת פּנים איז דאס געווען פון געדונגענע בראוואַ־פּאטשער, ווי אין דער אפּערא להבדיל.

חוץ דעם האבען זיך דאן געגרינדעט אזעלכע וואלאנטירען גרופּען, וואס האבען געזעהן, דער באיקאט זאל דורכגעפיהרט ווערען. די וואלונטירען גרופּען, אבוואהל זיי זיינען געווען ניט באוואפנט האבען אבער אנגענומען א מיליטערישע דיסציפּלין.

דאס האט שוין די ענגלישע רעגירונג ניט געקענט דולדען און האט גענומען מיט אן אייזערנער האנט אונטערדריקען די וואלונטירען רעגירונג, פון וועלכער עס האט געקענט גאנץ לייכט אויסוואקסען א נאציאנאלע ארמיי. אין איין שטונדע האט די ענגלישע פּאליציי ארעסטירט און איינגעשפּארט אין געפענגניס זעקס טויזענט אזעלכע וואלונטירען.

צו מאכען א לאנגע געשיכטע קורץ — די ענגלישע רעגירונג אין אינדיען, ד. ה. דער וויצע־קעניג און זיינע ראטגעבער, האבען איינגעזעהן, אז כדי צו ראטעווען די ענגלישע הערשאפט אין אינדיען איז נויטיג צו טאן עפּעס געוואגטעס. דאס בעסטע, לויט זייער מיינונג, איז געווען צו מאכען אויס שידוך צווישען די מאכמעדאנער און די אינדיער און דאס איז געווען דער צוועק פון דער טעלעגראמע פון דער אינדישער רעגירונג, ד. ה., פון לארד רעאינג, פאדערענדיג גערעכטיגקייט פאר דעם טערקישען סולטאן. דאס האט געהייסען צופרידענשטעלען די מאכמעדאנער אין אינדיען, געווינען זיי אויף דער זייט פון ענגלאנד און מיט זייער הילף, אויב נויטיג, אונטערדריקען די אינדישע נאציאנאלע באוועגונג פאר זעלבסטשטענדיגקייט.

און אט די פּאליסי האבען די „דיי הארדס" צוריקגעוויזען צוזאמען מיט זייערע איניציאטארען און ווי עס זעהט אויס ניט אהן גאנץ גוטע גרונדען.

צו באלייכטען אט די סבות איז אונמעגליך ניט אנריהרענדיג די ענגליש אימפּעריע בכלל, און דאס וועלען מיר דארפען טאן א צווייטען מאל.

קאנווענשאן-פראגען

פון [illegible]

אונזער אינטערנעשאנאל האט [illegible] צו דער קאנווענשאן [illegible] און ס'איז איהר [illegible] בערן לאנג א [illegible] קאנווענשאן. דער פריהערדיגער [illegible] האט זיך אין דער ערשטער מאי [illegible] נען מיר זיך פארטראכטען וועגען די קאנווענשאן אישוס.

פון שיקאגא ביז קליוולאנד איז טאקע געגאנגען קיין ווייטער מהלך, [illegible] אבער, וואס פאר אן איבערהעריגע [illegible] וואס פאר אן איבערראשונג מיר האבען דורכגעמאכט די לעצטע צוויי יאהר זייט [illegible].

פארגעסט ניט, אונזער קאנווענשאן אין שיקאגא איז באגלייט געווארען פון די הילכיגע טענער פון דער רוסישער רעוואלוציע. פילע האבען שוין געזעהן דאס אפילו אין אמעריקא שטעהען מיר שוין מיט ביידע פיס איז איבער די קני־ בער אין דער סאציאלער רעוואלוציע. און האט די אינטערנעשאנאל זיך פארטומעלט מיט א גרויסען פלאן פון איינענע פאבריקען און שעפער — האבען מאנכע געטרוימט: „קינדער, מיר וועלען באלד [illegible] וועלען די בעלי בתים איבער דער גאנצער אינדוסטריע." אין'ם ליכט פון די גרויסע, וועלט־איבערקעהרענדע געשעהענישען, האט טאקע אלץ וואס מיר האבען גענומען אויסגעקוקט פאר מאנכע וואכעדיג און נישטיג. איז דאך אונזער ארבייט מעהר פון אלץ א פּראקטישע, געווידמעט דער פארבעסערונג פון אונזער לאגע און די טאג־טעגליכע נויטען פון די ברייטע מאסען פון אונזער מיטגלידערשאפט.

אבער די פינסטערע רעאקציע און די אפען־שאפּ באוועגונג וואס ברשעווט אין לאנד האט אויך אונז ניט אויסגעלאזט. פריש ווייזען נאך די וואונדען פון אונזערע לעצטע קאמפען איבערן גאנצען לאנד. דער לעצטער קלאוק־מאכער סטרייק וועט פארבלייבען ווערען מיט גאלדענע בוכשטאבען אלס איינער פון די גרעסטע קאמפען פון דער ארגאניזירטער ארבייטערשאפט אין אמעריקא, וואו דער שונא האט געבאפט המן'ס מפּלה.

די קאנווענשאן אין קליוולאנד, וועט דארום, נאך מיין מיינונג, זיך מוזען פארנעהמען מיט פּראקטישע פּלענער צו פארפעסטיגען אונזערע פּאזיציעס און פארטמינען אונזערע ריהען פאר א ווייטערשטאר געגען דעם ארגאניזירטען און מעכטיגען שונא איבער'ן גאנצען לאנד. אוראי מוזען מיר בלייבען טריי אונזערע טראדיציעס און האלטען הויך די סאציאליסטישע פאהן צום טראץ אלע שטורם־ווינטען; אוראי וועלען אונזערע אידעען און שטרעבונגען געפינען אויסדרוק אין רעזאלוציאנען אויף דער קאנווענשאן אין קליוולאנד. אוראי וועט אונזער גאנצע ארבייט באוועגט ווערען פון אונזער אידעאל. [illegible] היינט אבער מעהר ווי אלע מאל [illegible] מעהר פּראקטישער ארבייט. וועלען מיר דאס ניט ארויסלאזען פון [illegible] אויף דער הויכקייט, אויף דער [illegible] קאנווענשאן אין קליוולאנד.

אין דאס א היסטארישער צופאל, וואס גראדע ווען הייאהר (ווען די קלאוק מאנופעקטשורערס אין ניו יארק פאלען שוין ווידער מיט דער שווערד) אונזער קאנווענשאן פארקומען אין קליוולאנד, אין דער וועלכער שטאדט, וואס איין מאל פאר אינו געווען איננאנצען פארלארען און איז היינט איינע פון די וויילען פון אונזער אינטערנעשאנאל ארגאניזאציאן? קלינגט דאס ניט ווי א סימבאליסטישער רוף צו אונזערע פאבריקאנטען: „האלט איין אייער גריטעצן, דען איהר וועט סיי ווי סיי מיט בייזען גארניט קענען אויספיהרען?"

די אישוס פאר דער קאנווענשאן? אוראי וועט ניט פעהלען קיין אישוס. די אינטערנעשאנאל און דער פער קאפּיטא טעקס איז איינע פון די אנגעוועהטאנטסטע פראגען אין'ם לעבען פון אונזער ארגאניזאציאן. איך גלויב נאך אלץ אין דער נויטווענדיגקייט פון א דזשענעראל סטרייק בענעפיט פאנד אין אונזער אינטערנעשאנאל. די לאקאל יוניאנס קענען ניט איבערלעבען ווערען אויף גאט'ס בארג און קענען זיך אפילו ניט פארלאזען אויף צדקה. דער לעצטער סטרייק פון די ווייסט און דרעס מאכער אין פילאדעלפיא און זיין ענדע שרייט צו אונז, מיר זאלען אויפנעהמען די פראגע אין איהר גאנצער ברייטקייט און טיפקייט. די אינטערנעשאנאל טאר איבערהויפּט ניט אויסגעזעצט זיין צו א לעבען פון „האנד צו מויל" — דען דורכדעם פינאנציעל שוואכען צענטער מוז ליידען די גאנצע ארגאניזאציע.

די פראגע פון די דריי דזשאינט באארדס אין ניו יארק, איז א ברענענדע. וועלען אויך אין דער צוקונפט מוזען פארבלייבען און לעבען אלע דריי דזש. באארדס; פון די קלאוקמאכער, דרעס און ווייסטמאכער און פון די טשילדרען דרעס מאכער און קימאנא און ראפער מאכער, א. ד. גל., וועט א דיסטריקט קאונסיל מוזען געשאפען ווערען, מיט פארטרעטערשאפט פון אלע דזשאינט באארדס, פאר די צוועקען פון געמיינ
טענער הייל, ניט איבערלאזט א
יאגיטאציאן.

און אינהא וועלען מיר זיך ווירק
ליך פארטראכטען וועגען א דיסטריק
קאונסיל פאר אלע אונזערע לאקאל
יוניאנס אין ניו יארק. איך האב פאר צוו
יאהרען אנגערט פאר א דיסטריק
קאונסיל. די קאנווענשאן אין שיקאג
האט נאך לאנגע דיסקוסיעס גענעהמ
מען דעם פּלאן, ווען מיר אבער אוי
שטארק פארליבען געווען יעדער מיט זי
נע אייגענע צרות האט דער פּלאן יאהר
נאך אין דורכגעפיהרט צו ווערען. די
דער אנגענומענער רעזאלוציע איז די
שיקאגא'ער קאנווענשאן האבען אלע לא
קאל יוניאנס אין ניו יארק געזאגט ש
קען פארטרעטער צום דיסטריקט קאונס
און אלע קלאוקמאכער לאקאלס האב
געזאלט מיטארבייטען אין דיסטריק
קאונסיל דורך א פארטרעטערשאפט פ
דזשאינט באארד פון דער קלאוקמאכע
יוניאן.

פארשטעהט זיך, דאס דער פּלאן וועט
יעצט דארפען מאדיפיצירט ווערען, ד
זינט דער לעצטער קאנווענשאן האב
זיך די לאקאל יוניאנס און לאקאל צו
דזשאינט באארדס גרופּירט, וואס ה
ענדערט ביז צו א געוויסען גראד די ל
גע.

רעדענדיג וועגען די דזשאינט באארד
אין ניו יארק, טארען מיר ניט ארוי
לאזען פון אויג די יוריסדיקציע סכסוכ
וואס מיר קענען ערווארטען צווישען א
זערע ניו יארקער לאקאל אויף דער ק
ווענשאן אין קליוולאנד. פראגען ח
פילע, איז עס פּראקטיש צו האבען ע
פרעסער לאקאלס; צוויי דרעסמאכער ל
קאלס; איין קאטערס לאקאל געשפּ
טערט אין דריי טיילען, אנגעשלאסען
דריי דזשאינט באארדס אין או
שטאדט ניו יארק?

די קאנווענשאן וועט מוזען ווירקל
צייט דער פּראבלעמע פון וואך ארב
פאר דער חדש און ווייסט אינדוסטרי
דער בעפארשטעהענדער קלאוקמאכ
סטרייק, וועט פאדערען צוטרויען
פּלענער. די קאנווענשאן אין קליוול
וועט וועלען וויסען, וואס פאר א ח
זונגען מיר האבען אויף א לעבעדי
נאדעל טרייד פארבאנד אין דער
הענטער צוקונפט; פארטרעטערשאפט
דער דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד,
פארשידענע פארפאליונגען, א.
גל.

ווי איהר זעהט, וועט דער קאנוו
שאן קיין ארבייט ניט פעהלען. מיר
נען אבער זיכער, באלד די טעגער
דער סאציאלער רעוואלוציע ווערען הי
פארטויבט פון דער אפען־שאפ סימ
ניע, אינדוסטריעלער דעספאטיע און
אקציע דונער־קנאלען, וועט די קאנוו
שאן פון דער א. ל. ג. וו. י. אין 22
דאך ניט פארפעהלען צו זאגען איהר נ
כען ווארט אינ'ם יעצטיגען טרויסען ה
מערישען מאמענט.

מאדערנע דאגות

(פעליעטאן)

פון ז. וואהלער.

ווען מענשען זיינען באראויבט פון געוויסע פּאליטישע אדער סאציאלע רעכטע איז דאך טראגיש גענוג. עס איז אבער ניט צו פארגלייכען מיט דער טראגעדיע ווען מענשען האבען שוין די רעכטע, נאר זיי קענען ניט, אדער ווייסען ניט ווי זיך צו באנוצען מיט זיי.

ווען עס זאל, למשל, זיין פארווערט פאר ארבייטער זיך צו ארגאניזירען אין יוניאנס, וואלט דאך יעדער איינציגער ארבייטער געווען א פלאם־פייעריגער רעוואלוציאנער. ער וואלט געלעזען פּראקלאמאציעס, געמארשירט אין דעמאנסטראציעס און אפילו געקעמפט אויף באררי־קאדען... דאס רעכט צו באלאנגען צו א יוניאן! א ווערטעלע אויסצורעדען...

און דאך, מוז מען קנעלען, און אגיטירען, און די לונגען אויסשפּייען, און די פינגער אויסשרייבען און קוים מיט צרות, פון איבער צוואנציג מיליאן ארבייטער אין די פאראייניגטע שטאטען, באנוצען זיך א פערטעל אדער א דריטעל מיט דעם רעכט צו באלאנגען צו א יוניאן.

מיט אונז אין שאפּ האט אמאל געארבייט א „שניץ", אן ארמעניער, אדער א סיריער, צי גאר א טערק, א נפש פון יענע מקומות — איז וויפיעל מיר האבען ניט צו'טענה'ט מיט איהם ער זאל אריין אין דער יוניאן, האבען מיר בשום אופן ניט געקאנט פועל'ן ביי איהם. איינמאל זיינען מיר זעהר צוגעשטאנען צו איהם ער זאל אונז ערקלעהרען די טעמים פאר וואס ער איז אזוי נעגען דער יוניאן. האט ער גענומען אויף זיין לשון אונז ערקלערען:

— פארשטעהט איהר מיך — באלאנגסט צו א יוניאן — מוזט ארבייטען שבת א האלבען טאג — ניטא וואס צו טאן — דרעהסטו זיך ארום אין גאס — געהסט אריין אין א סאלון — שיכור'סט זיך אן — מאכסט א געשלעג — ווערסט ארעסטירט — וואלגערסט זיך ביז מאנטאג אין פאליס סטיישאן — נאכדעם צאהלסטו שטראף אדער געהסט זיצען — דארף איך עס?

אט האט איהר אייך די טובות פון דעם רעכט צו באלאנגען צו א יוניאן!

אדער, למשל, דאס רעכט צו ווערען גע'משפּט פון א „דזשורי". דאס איז דאך איינע פון די פונדאמענטאלסטע רעכט. א מענש ווערט אנגעקלאגט פאר א פארברעכען; דער ריכטער קאן זיין פארטייאיש אדער מאכען א טעות. אבער אז עס זיצען צוועלף „אומפארטייאישע" בירגער מיט קלארע קעפּ, און זיפּען און קלייבען די פאקטען, דאן איז ניטא קיין מורא אז עס זאל חלילה עפּיס טרעפען מיט דער גערעכטיגקייט. דער גאנצער גוואלד געגען די אינדזשאנקשאן־ריכטער איז דאך וואס דאס געריכט איז אהן א דזשורי! עס טרעפט אפילו אפט אז ווען לאיערס, פארטיג ווערענדיג מיט א משפט פאר א דזשורי, געהען זיי, די לאיערס, ארום און שעפּטשען ווערטער פון דער זאלאגיע, ווי „בהמות", „פערד", „עזלען"... אבער דאס טרעפט זעלטען; ווען עס ווערט, למשל, גע'משפּט א מוני, א סאקא, וואנזעטי, א דעבס און עהנליכע „רויטע"... דערפאר אבער האט א דיסטריקט אטאירני מורא צו ברייננען שנאפּס־מאכער פאר א דזשורי, ווייל ער איז זיכער אז די דזשורי וועט איהם באפרייען... צי ווען עס טרעפט אז א שעהן מיידעל איז די אנגעקלאגטע... בכלל אבער, איז א „דזשורי־טרייעל" איינס פון די טייערסטע רעכט וואס די מענשהייט פארמאגט. ווען א מענש זאל מעהר גארניט פארמאגען אין לעבען, חוץ דאס רעכט צו ווערען גע'משפט פאר א דזשורי, וואלט שוין ה
אליין געדארפט איהם מאכען פיהלען גל
ליך... היינט ווער שמועסט נאך אז ד
צו האט ער נאך אויך דאס רעכט א
צו זיצען אין א דזשורי, און זיין א „ד
ראר"! איז דאך שוין אוראי צו
גליק קיין גרעניץ ניט פאראן.

און דאדום ווען די אמעריקא
פרויען האבען געווונען גלייכע פּ
טישע רעכטע האבען זיי אויך אנגעהו
קעמפען פאר דאס רעכט צו זיצען
דזשורים. הגם דאס רעכט צו ווה
גע'משפט פאר א דזשורי האבען זיי
מאל נעהאט, דאך זיינען זיי ניט צופ
דען מיט קיין האלבע רעכט; זיי וו
אויך זיין פון די ריכטער, צו פאר'משפ
אדער באפרייען אנדערע. און אויך
רעכט ווערט זיי געגעבען. אין איי
שטאטען האבען שוין פרויען דאס ר
צו ווערען אויסגעקליבען אין דזשורי
און אזוי גיך ווי זיי האבען אנגעהוי
גענוסען פון דאס רעכט צו אויסגעקלי
ווערען אין דזשורים, אזוי גיך האט
אויפגעהויבען א געשריי איבער'ן גא
לאנד.

אזוי פיעל הונדערטע יאהרען ווי
נער זיצען אין דזשורים און ס'איז גע
שא, שטיל. מיר האבען געהאט ג
דרך ארץ פאר די שופטים וואס מ'ה
שפּארט אויף א גאנצער נאכט אין א
מער וואו זיי דארפען ווענען און מעס
די פאקטען און ארויסטראגען דעם
מייל „שולדיג", אדער „ניט שולד
איצט אבער, זינט פרויען האבען
הויבען זיך באטייליגען אין דזשורים
אראפּגעצויגען געווארען דער פּארה
פון קדושה פון דער דזשורי. פרויען
נען קיין סוד ניט האלטען, דערצעה
זיי: ווי אין טראכטען איז א דזשורי
געזעסען א גאנצע נאכט און געשפּילט
קארטען... און ווי איין פרוי, אנש
טראכטען וועגען „שולדיג" אדער
שולדיג" איז נאר געזעסען און זיך
זארגט די גאנצע צייט צו וועט דער
איהרער קאנען אנהאלטען די קינ

(שלוס אויף זייט 14).

מאנטאגו'ס „פּאשאַל וואן" פון אינדיען

פון א. זעדין.

הינטער דער געצוואונגענער רעזיגנאציע פון עדווין ס. מאנטאגיו אלס מיניסטער פאר אינדיען, קען זיין, שטעקט טאקע א היבש ביסעל אנטיסעמיטיזם. דאס קען מען זיך זעהר לייכט פארשטעהן ווען מען נעמט אין אכט אז די פאליטישע טאן־געבער איצט אין ענגלאנד זיינען געווארען די ענגלישע בורבאנען וואס זיינען באקאנט אונטער אן אנדער נאמען — „די האַרדס", — וועמעס לייטענדער פ"עס ארגאן איז די רעאקציאנערע און אנטיסעמיטישע „מארנינג פאסט". עס וואלט פשוט געווען געגען דער מענשליכער נאטור, ווען די „די האַרדס" וואלטען איצט נים אייסגענוצט די געלעגענהייט פטור צו ווערען פון די צוויי אידען אין הויכגעשטעלטע פאזיציעס אין דער ענגלישער רעגירונג — מאנטאגיו און אוירל רעדינג.

עס וואלט אבער געווען דער גרעסטער טעות צוצושרייבען דעם לעצטען פאליטישען שטורם וועגען אינדיען בלויז צום אנטיסעמיטישען מאטיוו. דער שטורם האט א סך טרעפענדע און ערנסטע אורזאכען. פארשטעהט זיך, ווען אויף דער שפיץ פון דער ענגלישער פארוואלטונג אין אינדיען וואלטען געשטאנען „אייזערנע מענשען", מענשען פון גרויסע פארבינדונגען און איינפלוס אין די הערשענדע קרייזען, וואלט זייער צוריקטריט, ווען עס וואלט געווען נויטיג, געמאכט געווארען אזוי גראציעז ווי נאר מעגליך. מיט א מאנטאגיו האט מען זיך ניט געדארפט צערעמאניען און מען האט איהם ארויסגעווארפען. דאס איז אלץ. דעם אנטיסעמיטיזם קען מען נאר זעהן אין דעם אופן ווי אזוי א אידישער מיניסטער, וועמעס פאליסי עס איז דורכגעפאלען, ווערט באהאנדעלט. אזא מזל האט שוין דער איד. דארף מען איהם האבען וועט קיין אמט ניט זיין צו קליין פאר איהם, דארף מען איהם ניט מעהר איז א טופ מיט'ן פוס און „פּאשאַל וואַן".

עס געהט אפילו איצט אן א גאנץ היבשער ויכוח אין ענגלאנד וועגען דעם ווער עס איז פאראנטווארטליך פאר דער דורכגעפאלענער פאליסי אין אינדיען, צי מאנטאגיו און אוירל רעדינג, צי דער גאנצער קאבינעט. ווי עס שיינט איז מאנטאגיו גערעכט מיט זיין באהויפטונג, אז דער גאנצער קאבינעט איז פאראנטווארטליך. עס לייגט זיך פשוט ניט אויפ'ן שכל, אז גאנץ אינדיען זאל אנפארטרויט ווערען אין די הענט פון צוויי אידען און אלע איבעריגע מיניסטארען, דעם מיניסטער פון אויסערן אריינגערעכנט, זאלען זיך גאר ניט מישען.

אויף איין פונקט, שיינט אבער, זיינען אלע מסכים, אז די פאליסי איז געווען א דורכפאל. דער בעסטער באווייז פאר דעם איז טאקע די אומגליקליכע טעלעגראמע וואס האט געפיהרט צו מאנטאגיו'ס געצוואונגענער רעזיגנאציע. מיט דער טעלעגראמע האט דער וויצע־קעניג אין אינדיען און דער מיניסטער פאר אינדיען בלויז באוויזען אז זיי אנערקענען, אז די ביז איצטיגע פאליסי איז א דורכפאל און אז מען דארף אננעהמען אן אנדערע; דער סכסוך וועגען דער טעלעגראמע, וואס האט זיך אנטוויקעלט צווישען אוירל קורזאן און עדווין מאנטאגיו איז ניט געווען וועגען א פראגע פון מיניסטארען־עטיקעט, נאר וועגען זעהר אן ערנסטען ענין.

צו מאכען עס קורץ — עס האנדעלט זיך דא ניט מעהר און ניט ווייניגער ווי וועגען דעם, ווי אזוי צו ראטעווען אינדיען, די קרוין פון אלע ענגלישע קאלאניעס, פאר דער ענגלישער אימפעריע. עס האט געדארפט גענומען ווערען אן ענטשיידענער שריט. מאנטאגיו און אוירל רעדינג האבען געוואגט צו מאכען דעם שריט און מען האט זיי געזאגט „פּאשאַל וואַן". מאנטאגיו איז שוין ארויסגעווארפען געווארען און רעדינג וועט מן הסתם אויך געהן גאר אין גיכען.

וואס איז אזוינס געשעהן אין אינדיען?

עס איז א לאנגע מעשה אבער מיר וועלען עס פרובירען מאכען אזוי קורץ ווי מעגליך.

אינדיען, ווי אלע אנדערע אונטערדריקטע פעלקער, האט געמאכט דעם טעות צו נעהמען דעם מלחמה־אידעאליזם גאנץ ערנסט. דאס פייערדיגע פראקלאמירונג פון דאס רעכט פון זעלבסטבאשטימונג איז אין אינדיען, ווי אויף דער גאנצער וועלט, אויפגענומען געווארען אלס אן אנפאנג פון א נייער עפאכע אין די באציהונגען צווישען שוואכע און שטארקע פעלקער. עס האט ניט געדארפט מעהר זיין קיין אונטערדריקטע און הערשענדע פעלקער, נאר יעדע איינע פון זיי האט געזאלט זיין פריי צו באשטימען זייער שיקזאל אין איינקלאנג מיט זייערע נאציאנאלע פארלאנגען און שטרעבונגען.

און דער גייסט פון אפטימיזם האט פיל געהאלפען אויסצוברייטען און פארטיפען די באוועגונג פאר זעלבסטשטענדיגקייט אין אינדיען, וואס איז געווען גאנץ באדייטענד אפילו פאר דעם קריג. און אז דער אפטימיזם איז ניט נאר אונטערדריקט געווארען נאר, פארקעהרט, איז נאך ערמוטיגט געווארען פון דער ענגלישער רעגירונג אזוי לאנג, ווי דאס האט געדינט איהרע מלחמה־צוועקען. עס איז זעהר כאראקטעריסטיש, וואס מאהונדאס גאנדהי, דער הויפט אנפיהרער איצט פון דער נאציאנאלער באוועגונג אין אינדיען, אדער ריכטיגער — דער הויפט אנפיהרער פון דער באיקאט באוועגונג געגען ענגלאנד מיט'ן צוועק צו פארטרייבען ענגלאנד פון אינדיען — איז אין דער צייט פון דער מלחמה געווען איינער פון די אנפיהרער פון די סאציאל־פאטריאטען אין אינדיען, און האט געמונטערט דאס אינדישע פאלק צו ווייטערע קרבנות כדי צו העלפען ענגלאנד געווינען די מלחמה. אין יענער צייט האט גאנדהי באמת געגלויבט אז אינדיען וועט קענען דערגרייכען איהר זעלבסטשטענדיגקייט מיט דער וואלטעטיגער מיטווירקונג פון ענגלאנד.

נאך דער מלחמה האט אינדיען אנגעהויבען מאהנען פון ענגלאנד, אז זי זאל האלטען איהר פארשפרעכען, און דער ענטפער איז געווען — אן ארויסגעשטעקטע צונג. אנשטאט נאציאנאלער אויטאנאמיע, אדער דאמיניאן־רעכט האט אינדיען געקראגען, טאקע פון אונזער מאנטאגיו, עפעס א מין חוזק־פארלאמענט. עס האט געזאלט זיין א פארלאמענט ניט קיין ערוועהלטער פון פאלק, נאר א באשטימטער פון אויבען. באשטימען האבען געזאלט דער ענגלישער וויצע־קעניג און די איינגעבארענע אינדישע פרינצען, וואס געפינען זיך אונטערן ענגלישען קנאפעל. מיט איין ווארט — עס האט געדארפט זיין א פארלאמענט פאר אינדיען וואס איז געמאכט געווארען אין לאנדאן.

דאס האט געהייסען פשוט שיטען זאלץ אויף די וואונדען פון די אינדישע פאטריאטען. עס האבען זיך אנגעפאנגען פראטעסטען און דעמאנסטראציעס, און דער ענטפער פון דער זייט פון ענגלאנד איז געווען — אמריטזאר.

אמריטזאר איז איינער פון די בלוטיגסטע קאפיטלען אין דער געשיכטע פון דער ענגלישער הערשאפט אין אינדיען, וואס איז זעהר ענליך צום היסטארישען „רויטען זונטאג" אין פעטערבורג.

די געשיכטע פון אמריטזאר אין קורצען איז געווען אזוי. אין איין שעהנעם טאג האבען זיך אין אמריטזאר, א שטאדט אין אינדיען, פארזאמעלט איבער א צעהן טויזענט מענשען אין א מין פארק פאר א פרידליכער נאציאנאליסטישער דעמאנסטראציע. דער קאמענדאנט פון שטאדט, איינער א גענעראל דייער, האט ארומגערינגעלט דעם פלאץ פון אלע זייטען מיט סאלדאטען און האט געארדערט שיסען אויף די פארזאמעלטע, וואס האבען ניט געהאט קיין אויסוועג צו אנטלויפען. עס איז פארגעקומען אן אמת'ע בלוט־באד. ארום אכט הונדערט מענשען זיינען דערהרג'עט געווארען אויפ'ן ארט און ארום עטליכע טויזענט זיינען פארוואונדעט געווארען. געטאן האט עס גענעראל דייער, ווי ער האט שפעטער ערקלערט, כדי צו לערנען די אינדיער דרך ארץ און ער האט ערקלערט אז די שחיטה איז געווען נויטיג פון דעם „מיליטערישען שטאנדפונקט".

די געשיכטע אמריטזאר האט גאנץ נאטירליך אויפגערודערט גאנץ אינדיען און דאס איז געווען דער ענטשיידענדער מאמענט אין גאנדהי'ס טעטיגקייט. ביז אמריטזאר האט גאנדהי זיך דאך אלץ געוואקעלט. ער האט נאך אלץ געהאפט צו פארווירקליכען אינדיען'ס שטרעבען מיט דער הילף פון ענגלאנד. נאך אמריטזאר איז ער צוגעשטאנען אינגאנצען אויף דער זייט פון די עקסטרימע נאציאנאליסטען וואס ווילען אינגאנצען פטור ווערען פון דער ענגלישער הערשאפט.

און דאן האט גאנדהי פראקלאמירט זיין הויפט־וואפען געגען ענגלאנד — די נאן־קאאפעראציאן באוועגונג. בעצם איז דאס א באיקאט אויף זעהר א גרויסען מאסשטאב. עס איז ניט נאר אן עקאנאמישער באיקאט געגען ענגלישע סחורות, נאר א באיקאט געגען אלץ און געגען אלעמען וואס קומט פון ענגלאנד, אנפאנגענדיג מיט די ביליגע ענגלישע באוועל פאבריקאטען ביז צו ענגלישע שוהלען, ענגלישע געריכטען און ענגלישע באאמטע בכלל.

אלס זייער עמבלעם האבען די ניט־קאאפעראציאניסטען אנגענומען דעם שפין־ראד. גאנדהי האט פראקלאמירט אלס א פאטריאטישע פליכט פאר יעדען אינדיער אליין צו שפינען און וועבען זיינע קליידער. ער האט אויפגעפאדערט אלע זיינע נאכפאלגער ניט צו שיקען זייערע קינדער אין ענגלישע שולען, ניט צו געהן אין ענגלישע געריכטען מיט זייערע סכסוכים און בכלל איגנארירען די ענגלישע רעגירונג.

גאנדהי איז א מענש וואס גלויבט ניט אין געוואלד־מיטלען און אלע זיינע אנהענגער האט ער אויפגעפאדערט צוריקצוהאלטען זיך פון געוואלט. ער איז, ווי עס ווערט באהויפטעט, א טיפער רעליגיעזע און פאעטישע נאטור און זיין לעהרע און זיינע מעטאדען האבען געקראגען זעהר א טיפען אפקלאנג אין די אינדישע הערצער. זיין נאכפאלגערשאפט איז געוואקסען אין די מיליאנען און גאנדהי ביי היינטיגען טאג ווערט באטראכט אין אינדיען אלס א פראפעט, אדער משיח.

דאן איז צוגעקומען די קאליפאט־פראגע וואס האט שטארק אויפגערעגט די מאהמעדאנישע באפעלקערונג פון אינדיען, פונקט ווי פון דער גאנצער וועלט. די קאליפאט פראגע באשטעהט

קורץ און שאַרף

פון י. ב. ג.

ווייל די בולגארישע רעגירונג האט אנגענומען א בשלום צו פאראיינפאכען א ביסעל דעם אלטען אלף־בית, און האט פון איהם ארויסגענומען דריי בוכשטאבען, האבען צוויי בולגארישע מיניסטארען, פון פינאנץ און בילדונג, רעזיגנירט. איז עס ניט א ביסעל משוגע? ניין, ניט אין גאנצען. ווייל מען, אז אלץ, וואס איז אלט, זאל בלייבען, ווי עס איז, טאר מען זיך צו דעם ניט צורירען. קריגט איהר עס אן באדערען און טרייסלען, איז דא א גרויסע געפאהר, אז די גאנצע אלטע, פארפוילטע געביידע זאל צופאלען אין שטיקער.

פון וואשינגטאן לאזט מען אונז וויסען, אז „הארדינג וועט זעהן, אז עס זאל ניט זיין קיין קוילען הונגער אין אמעריקא". אין אנדערע ווערטער הייסט עס, אז הארדינג וועט זארגען, אז די קוילען מאגנאטען זאלען חלילה ניט געשטערט ווערען אין זייער באשעפטיגען אין זייערע קוילען מינען סקעבס און סטרייק ברעכער. אבער, ווי פאסט עס, אז דער פרעזידענט פון די פאראייניגטע שטאאטען זאל דערמאנט ווערען אין צוזאמענהאנג מיט סקעבס און סטרייק ברעכער? האט וואשינגטאן זיך געקליגט און אויסגעפונען דעם געלונגענעם אויסדרוק פון „פארמיידען א קוילען הונגער אין אמעריקא". דאס איז דאך זיכער עטוואס, וואס אפילו א פרעזידענט מעג טאן.

אין זיין עדות זאגען פאר מר. ריקארד, וועלכער ווערט אנגעקלאגט צו האבען פארפירט א יונגע מיידעל, האט מר. רוזוועלט, דער זון פון דעם פארשטארבענעם פרעזידענט רוזוועלט, ערקלערט, אז ער קען איהם פאר א זעהר פיינעם מענשען. אי, עס איז באקאנט, דאס דער וועלכער ריקארד האט מיט א צייט פריהער געפיהרט א געמבלינג הויז? האט אויף דעם מר. רוזוועלט געענטפערט, אז דער מאן, וואס האלט א געמבלינג הויז, איז ניט נויטווענדיגערווייז א מענש מיט א פארדארבענעם כאראקטער, פונקט ווי דער, וואס האלט אן א קירכע, איז ניט נויטווענדיגערווייז א מענש מיט א גוטען כאראקטער. איך ווייס ניט, אויב עס איז אין גאנצען ריכטיג, אז דער אייגענטימער פון א געמבלינג הויז קאן טאקע זיין אזא פיינער מאן, ווי רוזוועלט וויל עס האבען; אבער עס איז זיכער, אז דער פארשטעהער פון א קירכע מוז ניט נויטווענדיגערווייז זיין א מאן מיט א גוטען כאראקטער.

דער קאנגרעס האט שוין דעם באנוס ביל אנגענומען. וואס דער סענאט און נאכהער הארדינג וועלען מיט איהם טאן, איז שווער פאראויסצוזאגען. ווייל פארשטעהט איהר, מיט דעם באנוס איז אזא מין געשיכטע. וועט מען די סאלדאטען געבען דעם באנוס, איז מען טאקע מיט זייערע שטימען צו די קומענדע וואהלען שוין זיכער, אבער עס איז א סברא, אז צוליב דעם זאל די אדמיניסטראציאן פארלירען גאר אין גאנצען די וואוטס פון די טעקס צאהלער. זאל מען ווידער די סאלדאטען דעם באנוס ניט געבען, און צופרידען שטעלען די טעקס צאהלער, וועלען אבער די סאלדאטען שטימען געגען דער אדמיניסטראציאן. ווייס טאקע ניט די רעגירונג וואס צו טאן. זי ווייס ניט, וועמען עס לוינט זיך בעסער צו האבען פאר איהרע פריינד: צי די סאלדאטען, צי די טעקס צאהלער, און איין גאט ווייסט דעם אויסוועג פון אזא שווערער לאגע.

אלזא, ביי דעם ערשטען דזשולי וועט שוין קיין צוואנציג ניט בלייבען פון אונזערע סאלדאטען אין דייטשלאנד. דאס מיינט אבער, אז צו דער פינף מיליאניגער ארמיי פון ארבייטסלאזע וועלען צוקומען נאך עטליכע טויזענט. פון דעם שטאנדפונקט וואלט, אפשר, שוין גלייכער געווען צו האלטען זיי ווייטער אין דייטשלאנד. זאל דייטשלאנד צאהלען פאר זייער אויסקומעניש. דארט, ווי מיר הערען, ארבייטען דאך די דייטשען טאג און נאכט. אזוי ביזי זיינען זיי. מעגען זיי דאך טאקע אויסהאלטען עטליכע טויזענט אונזערע מענשען.

אויף דער פראגע, וואס פאר א ווירקונג עס האט די צאהל ארבייטס שטונדען אויף דעם מענשליכען לעבען, געפינען מיר א גאנץ אינטערעסאנטע סטאטיסטיק, וועלכע רעדט פאר זיך אליין. ווען די דרוקער האבען געארבייט 72 שטונדען די וואך, האבען זיי דורכשניטליך געלעבט 28 יאהר; ווען זיי האבען געארבייט 66 שטונדען די וואך, האבען זיי געלעבט דורכשניטליך 35 יאהר; ווען זיי האבען געארבייט 60 שטונדען א וואך, האבען זיי שוין געלעבט איבער 40 יאהר; ביי א 54 שטונדיגע ארבייטס וואך, האבען זיי שוין אויסגעפירט צו לעבען איבער 45 יאהר; ביי אן 48 שטונדיגע ארבייטס וואך, האבען זיי שוין געלעבט איבער 53 יאהר.

קארסנער פון דער „קאלל" האט שטארק פאראיבעל אויף דער מיידעל, וועלכע האט באגאנגען זעלבסטמארד, ווייל איהר חתן, וועמען זי האט געקענט בלויז צוויי מאנאטען, איז געשטארבען. ער פארשטעהט עס ניט. עס זיינען דא אין דער וועלט אזוי פיל אינטערעסען, און עס איז ניט גוט, דאס א מענש זאל זיך אפגעבען אזוי אין גאנצען צו איין זאך, אז ווען די זאך פארשווינדט, האט שוין דאס גאנצע לעבען קיין ווערט ניט. ריכטיג, ווי געלד. אבער, וואס העלפט עס דא מוסר זאגען? פאר די מעהרערע מענשען איז די גאנצע וועלט מיט אלע איהרע גרויסע אינטערעסען א זאך, וואס הויבט זיי ניט אן צו ארען. און דאס איז טאקע די טראגעדיע דערפון.

עמא גאלדמאנ'ס ארטיקלען אין דער ניו יארק „וואירלד" אנטהאלטען ניט אזעלכעס, וואס די מעהרסטע פון אונז האבען שוין פריהער ניט געוואוסט. און דאך זיינען זיי וויכטיג צוליב א גאנץ אנדער אורזאכע. פארשידענע צייטונגס רעפארטערס האבען שוין מיט א צייט פריהער געלאזט וויסען דער וועלט, וואס עמא גאלדמאן דענקט און פיהלט וועגען דעם גאנצען באלשעוויסטישען רעזשים. באלד אבער איז אנגעקומען א בריף פון עמא גאלד־מאן, געשריבען מיט איהר אייגענער האנט, אין וועלכען זי האט אפגעלייקנט אט די אמת'ע רעפארטען. פאר דעם קאן איצט ני זיין קיין אנדער ערקלערונג, ווי די, וואס זי איז פשוט געצוואונגען געווארען דאס צו טאן; דאס, ווען זי וואלט זיך אנטזאגט דאס צו טאן, וואלט איהר לעבען ניט ווערט געווען אפילו דעם פרייז פון דעם איצטיגען רוסישען רו־בעל. און דיזער פאקט רעדט פיל העכער, ווי איהרע ארטיקלען, געגען דעם באלשעוויסטישען טעראר רעזשים.

און נאך עטוואס, אז עס איז שוין געקו מען צו רייד וועגען די גאלדמאן־ארטיקלען, מען דארף האבען אין זינען, אז עמא גאלדמאן האט פארלאזען אמעריקא א פייערדיגע באל שעוויסטקע. ווען ניט איהר באלשעוויזם, וואלט מען איהר גאר ניט דעפארטירט. און עמא גאלדמאן איז ניט פון די מענשען, וואס בייטען זיך אזוי לייכט. איהר שטאלץ און איהר עקשנות זיינען גרויסע שטערונגען צו א מיינונגס ענדערונג ביי איהר. אזוי איז זי שוין געבוים. זי האט עס באוויזען דורך יאהרען פון ליידען אין די אמעריקאנער גע פענגניסע. און אז זי האט זיך דאך געקענט ענדערען אין דעם משך פון א קורצער צייט און ווערען די שטארקסטע געגנערין פון באל שעוויזם—דאס אליין רעדט פיל איבערצייגענדער, ווי אלץ, וואס זי קאן זאגען דורך ד ארטיקלען.

אויב הענרי פארד וועט באלד פון דער גא צער קאפיטאליסטישער וועלט ניט ערקלער

(שלוס אויף זייט 12).

קלאוק פרעסערס יוניאן לאקאל 35

אויף צו די וואהלען

פאר דעלעגאטען צו דער קומענדער

אינטערנעשאנאל קאנווענשאן

און פאר דעלעגאטען צו דער

רעליף קאמיטע פון אונזער לאקאל

די וואהלען וועלען פארקומען

מאנטאג, דעם 3טען אפריל

פון 8 אין דער פריה ביז 8 אווענט.

די ניו יארקער מיטגלידער וועלען שטימען אין אפיס פון לאקאל 35, 228 2טע עוועניו.

די בראנזווילער וועלען שטימען, אין בראנזוויל לייבאר לייסעאום, 219 סעקמאן סט

עס איז די פליכט פון יעדען מיטגליד פון דעם לאקאל זיך צו באטייליגען אין די וואהלען און העלפען ערוועהלען די בעסטע און פאסענדע מענשען פאר דעלעגאטען צו דער קאנווענשאן און אויך פאר דער רעליף קאמיטע.

אין נאמען פון דער עקזעקוטיווע לאקאל 35,

דזש. ברעסלאו, מענעדזשער.

סקוירט און דרעסמאכער לאקאל 23

אויפמערקזאם!

פאלגענדע פערזאנען האבען אנגענומען אלס

דעלעגאטען צו דער קאנווענשאן

פון דער אינטערנעשאנאל:

1. מ. באס
2. י. בושקין
3. ס. בוכמאן
4. ה. גרינבערג
5. ה. גראסמאן
6. אב. גאלד
7. נ. היימאוויץ
8. וו. הימעלפארב
9. מ. וויינשטיין
10. ה. וואנדער
11. ה. לעווין
12. נ. מארגאליס
13. ס. עטקינד
14. ל. פינקאווסקי
15. מ פריזאמט
16. ל. פרידמאן
17. י. קופער
18. ב. קאפלאן.
19. ב. שויב

וואהלען וועלען אפגעהאלטען ווערען דיזען שבת, דעם 1טען אפריל

אין לייבאר טעמפעל, 14טע סטריט און סעקאנד עוועניו.

שוועסטער און ברידער! באטייליגט זיך אין די וואהלען אין מאסען און שטימט פאר די בעסטע קאנדידאטען וועלכע זאלען אייך פארטרעטען ביים קאנווענשאן.

שטימען וועט מען קענען פון 9 אוהר פריה ביז 4 אוהר נאכמיטאג.

עקזעקוטיוו באארד לאקאל 23

ת. וואנדער, מענעדזשער.

סקוירט און דרעסמאכער

יוניאן לאקאל 23

א דזשענעראל מעמבער מיטינג

וועט אפגעהאלטען ווערען

מיטוואך דעם 5טען אפריל

אום 7 אוהר אווענט

אין סטייוועזענט קאסינא

140 צווייטע עוועניו

וואו קאנווענשאן און טרייד פראגען וועלען דיסקוטירט ווערען. זאל קיין דרעסמאכער נישט פארפעהלען דיזען מיטינג צו אטענדען.

עקזעקוטיווע באארד לאקאל 23

ת. וואנדער, מענעדזשער.

קלאוק אפערייטארס יוניאן לאקאל 1

א. ל. ג. וו. י.

שבת, דעם 1טען אפריל

פון 10 אוהר מארגענס ביז 5 אוהר נאכמיטאג

וועלען פארקומען די

עלעקשאנס פאר דעלעגאטען צום קאנווענשאן

פון אינטערנעשאנאל פון אונזער לאקאל.

אין וועבסטער האל

11טע סטריט און 3טע עוועניו

ברידער! די ערנסטע לאגע אין אונזער טרייד מאכט דיזע קאנווענשאן פון גרויס וויכטיגקייט פאר אונזער יוניאן. עס איז אומבאדינגט נויטווענדיג, דעם מאל מעהר ווי אלע מאל, אז די פאסענדסטע דעלעגאטען זאלען ערוועהלט ווערען. דאס קען בלויז געטאן ווערען ווען אלע מעמבערס וועלען זיך באטייליגען אין דעם עלעקשאן.

אלזא, קומט אין מאסען און ערוועהלט די פאסענדסטע דעלעגאטען.

עקזעקוטיוו באארד לאקאל 1

ב. שעהן, מענעדזשער־סעקר.

ב. קאפלאן, טשערמאן.

קלאוק אפערייטארס יוניאן לאקאל 1

א. ל. ג. וו. י., אויפמערקזאם!

א ספעשעל דזשענעראל מעמבער מיטינג

וועט שטאטפינדען

דאנערשטאג, דעם 30טען מארטש

אום 7 אוהר אווענט שארפ

אין וועבסטער האל

11טע סטריט און 3טע עוועניו

עס וועלען דיסקוטירט ווערען וויכטיגע פראגע און פראבלעמען פאר דער נעקסטער קאנווענשאן פון אונזער אינטערנעשאנאל.

די אלע וואס זיינען נאמינירט געווארען אלס קאנדידאטען צום קאנווענשאן זיינען ספעציעל געלאדען אנטייל צו נעמען אין די דיסקוסיאנען.

עקזעקוטיוו באארד לאקאל 1

ב. שעהן, מענעדזשער־סעקר.

ב. קאפלאן, טשערמאן.

נ. ב. — לויט דעם באשלוס פון דער עקז. באארד איז אווערטיים נים ערלויבט צו ארבייטען סיידען אלע מאשינען זיינען באזעצט.

קורצע שמועסען
צווישען דעם רעדאקטאר און די לעזער

[illegible] שלאג אין אייער צווייטען נוסח פונקט אזוי ניט געלונגען און ניט איבערלעגט, ווי דער פערשלאג פון ערשטען נוסח. אייער אויפמא־דערונג צו אונז אויך צו ווייזען, וואס דער דזשאינט באארד האט אויפגעטאן אין די לעצ־טע פאר יאהר, קען גאנץ לייכט ערפילט ווער־רען דורך אנשרייבען א גרויסען בוך. אזוי פיל האט ער אויפגעטאן, אז עס וואלט געווען א באליידיגונג, ווען מיר וואלטען דאס אונ־טערנעמען צו טאן דורך די שמועסען. אונז דאכט זיך, אז בלויז דער אנווייז אויף דער דורכפיהרונג פון לעצטען גרויסען סטרייק, אויף דער זאמלונג פון דעם פאנד, אויף דער אויסמיידונג פון א סטרייק לעצטען יוני, און טאקע דורך דעם מעמאראנדום, פון וועלכען מיר האלטען זעהר פיל, ווי אויך דאס, וואס עס זיינען געמאכט געווארען פילע אנשטרענגונ־גען פאר ארגאניזאציאנס ארבייט, ווי אויך די גרויסע הילף, וואס ער האט בייגעטראגען צו פילע גרויסע סטרייקס, ווי אויך צו אנדערע גוטע זאכען — דאס אלעס איז א רעקארד, מיט וועלכען די גרעסטע יוניאן וואלט געמעגט שטאלצירען. אייער באמערקונג וועגען דער ארגאניזאציאנס ארבייט „פיט אף מאָן", איז, איהר וועט אונז מוחל זיין, זעהר נאריש. דאס געלט, וואס עס קאסט אף די פיט אף מאָן ארבייט, וועט, אפשר, אמאל צוריקגעקערט ווע־רען דורך די „דיוס צאהלער", אבער צו זא־גען, אז דאס ווערט געטאן, אום צו קריגען מעהר געלט, איז לעכערליך. ווייל דערווייל און פאר די נעקסטע פאר יאהר וועלען פאר די טויזענטע דאלארס, וואס ווערען אויסגעגעבען, אריינקומען קרימע סענטען. די דאזיגע בא־מערקונג פון אייער זייט איז פאר אונז דער בעסטער באווייז, ווי שלעכט איהר פערשטעהט די אויפגאבען פון דער קלאוקמאכער יוניאן. איהר פערשטעהט ניט, אז דאס איז פיליכט די וויכטיגסטע און די שווערסטע ארבייט, וואס א יוניאן מוז טאן, און דאס איז צו ארגאניזירען די, וועלכע זיינען נאך ניט אר־גאניזירט, כדי זיי זאלען ניט, אויסער דער יוניאן, איהר קאנען אנטאן פיל שאדען. אייער טענה, דאס א חיבש ביסעל יוניאן מעמבערס ליידען הונגער און נויט, וועלען מיר ניט בא־שטרייטען. אבער, האט איהר אמאל געטראכט, וויפיל וואלטען געליטען הונגער און נויט, ווען קיין יוניאן וואלט ניט געווען? די יו־ניאן טוט, האס זי קאן. און וואס שטארקער די וועט זיין, וואס ווייניגער די יוניאן וועט האבען אזעלכע „קריטיקער", ווי מיר האבען עס, ליידער, אין דער יוניאן און אויסער איהר, אלץ מעהר וועט זי קאנען טאן. אויף אייער באמערקונג, דאס מיר זיינען ניט דער זעלבער וואס אמאל, און דאס איהר וואלט גערן געוואלט פערבלייבען אונזער פריינד, ווי־לען מיר זאגען, דאס, אויב מיר האבען זיך יא אין עטוואס געענדערט, איז אבער אין איין פרט זיינען מיר געבליבען דער זעלבער: מיט אונזערע לעזער זיינען מיר אימער געווען עהרליך און אפענהערציג, און קיינמאל ניט מורא געהאט צו זאגען זיי דעם אמת. און אזוי זיינען מיר פערבליבען. און אויב מיר וואלטען געקאנט קויפען אייער פריינדשאפט מיט דעם, וואס מיר וואלטען כאטש נאר א ביסעלע אונטערדריקט דעם אמת, פיהלען מיר, אז דאס וואלט געווען צו טייער באצאהלט פאר אייער פריינדשאפט, אדער פאר וועמעס עס איז פריינדשאפט. יא, אין דעם פרט האבען מיר זיך ניט געענדערט, און מיר דענקען נאך אלץ, אז פריינדשאפט, וואס קען געקויפט ווערען מיט ליגען, איז ניט ווערט צו האבען.

מ. פ. — דעם זעלבען טאג, וואס מיר האבען ערהאלטען אייער בריף, האבען מיר גע־האנדעלט לויט אייער פערלאנג. מעגליך, אז ווען איהר וועט זיך גוט איבערלעגען, וועט איהר איינזעהן, אז עס איז פיליכט בעסער אזוי.

מש. — ווען מיר וועלען נאר האבען די געלעגענהייט, וועלען מיר זיך געוויס באנוצען מיט איהר.

י. ז. — ערהאלטען ביידע. מיט איינע וועלען מיר זיך געוויס באנוצען. וועגען דאס צווייטע דענקען מיר, אז עס איז א ביסעל צו שווערער פלפול. און דאן זיינען מיר ניט זיכער, אויב דאס איז טאקע אזוי ריכטיג. אונז דאכט זיך, אז מען וואלט געקאנט ארגו־מענטירען אויך פונקט פארקערט.

ז. לייבאוויץ. — דער פאקט, דאס אין דעם באריכט פון דעם באנקעט פון די ארבייטער פון ל. ווײנשטיין איז אויסגעלאזען גע־ווארען, דאס אויף דעם באנקעט זיינען אויך געווען די אייגענטימער פון דער פירמע, מיינט געוויס ניט, אז דער שרייבער זאל זיך האבען געשעמט דאס צו דערצעהלען עפענט־ליך. ווייל, ריכטיג גערעדט, איז דא גאר ניטא וואס זיך צו שעמען. דער פאקט באווייזט בלויז, אז אין דער קלאוק אינדוסטריע זיינען דא אויך באסעס און ארבייטער, וועלכע זיי־נען ניט אויף שטענדיג שטעך־מעסערס, און צווישען וועלכע עס הערשט זאגאר א געפיהל פון פריינדליכקייט. צי דאס איז דערפאר, ווייל די ארבייטער פון דעם געוויסען שאפ זיינען גאר אן אויסנאם, צי ווייל דאס זיינען די מאנופעקטשורערס, דאס וויסען מיר ניט. ווא־רשיינליך איז דאס צו פערדאנקען ביידע צדדים. אזא מין שאפ איז ווירקליך אן אויסנאם, און חלילה וואלט ער געקאנט זיין א מוסטער פאר אלע אנדערע, וואלטען די צוזאמענשטויסונגען און רייבונגען צווישען ארבייטער און באסעס געווען ווירקליך וואס זעלטענער. אויך איז דאס ניט קיין באווייז געגען דעם קלאסען־קאמף. ערשטענס, ווייל דאס איז טאקע ניט מעהר ווי אן אויסנאהם און, צווייטענס, ווייל קלאסען קאמף מיינט ניט דאס, וואס עס ווערט פערשטאנען אזוי וואולגאר, אז ארבייטער און באס מוזען אייביג און שטענדיג זיך רייסען פאר די בערד. ווען דאס וואלט געווען דער פאל, וואלט גאר ווייניג ארבייט אויסגעטאן געווארען, און אזא אינדוסטריע, ווי די קלאוק אינדוסטריע, וועמעס ארבייטער זיינען אין דער מעהרצאהל קלאסען באוואוסט און פיל מיט קלאסען קאמף, וואלט גאר ניט געקאנט געמאלט זיין. נייין, דער פאקט איז ניט בא־ריכטעט געווארען, ווייל, ווי אונז דוכט זיך, האט דער שרייבער ניט צוגעגעבען צו דעם קיין באזונדערע באדייטונג. פונקט, ווי צעהנ־דליגע אנדערע נעמען פון די אנוועזענדע זיי־נען ניט דערמאנט געווארען, אזוי זיינען אויך ניט דערמאנט געווארען די נעמען פון דער פירמע ווײנשטיין בראדערס.

א. ראטענבערג. — מיר האבען מיט דער גרעסטער אויפמערקזאמקייט איבערגעלייענט אייער בריוועל, אין וועלכען איהר קלאגט אן דעם דזשאינט באארד אלס קארפארייש אין באטייליגען זיך אין די פאליטיקס פון די לא־קאלס. איהר ערקלערט, אז אין די לעצטע וואהלען פון לאקאל 1 און לאקאל 9 האט דער אפיס פון דעם דזשאינט באארד זיך פערוואנ־דעלט אין א העדקווארטערס קאמפיין. אויב דאס וואלט אמת געווען, וואלט עס געווען ווירקליך זעהר באדויערנסווערט; ווייל, ער־שטענס, וואלט עס געמיינט א פערנאכלעסיגונג פון דער טאג־טעגליכער ארבייט, פאר וועלכע די אפיסערס ווערען באצאהלט; און, צוויי־טענס, איז עס גלאט ניט רעכט, אז דער דזשאינט באארד זאל זיך פערנעמען מיט לאקא־לע פאליטיקס. אבער, איהר ברענגט ניט אין אייער בריוועל דעם מינדעסטען באוויז פאר אייער אנקלאגע. עס איז מעגליך, אז געוויסע דזשאינט באארד באאמטע, וועלכע געהערען, אלס מעמבערס, צו די אויבען אנגערופענע לאקאלס, האבען גענומען א גאנץ ווארימען אינטערעס אין די וואהלען; אבער דאס איז דאך זייער פולע רעכט, אלס מעמבערס פון די לאקאלס. מעהר, עס איז זייער פליכט. דאס דארף אבער ניט און קען ניט אויסגעטייטשט ווערען, אז דער גאנצער אפיס פון דזשאינט באארד האט זיך באטייליגט אין די וואהלען. אדער וואלט איהר געוואלט, אז אזוי שנעל, ווי איינער ווערט א באאמטער, זאל ער ניט מעהר נעמען קיין אנטייל אין אלץ, וואס איז פון אינטערעס און וויכטיגקייט פאר זיין יוניאן? אויב איהר וואלט געמאכט אזא רול, גלויבען מיר, וואלטען זעהר ווייניג אמת איבערגעגע־בענע יוניאן לייט אנגענומען אירגענד א באאמטען אמט.

אין יוניאן העלט סענטער.

דעם פרייטאג אוונט, דעם 31טען מערץ, וועט אין יוניאן העלט סענטער זיין א געזעלשאפטליכע אונטערנעמונג. עס וועלען דארט פארענטפערט ווערען די פרא־גען וואס זיינען געשטעלט געווארען אין פארלויף פון דעם מאנאט ביי די לעקט־שורס און זיינען נאך ניט פארענטפערט געווארען.

ביי דער געלעגענהייט וועט געוויזען ווערען א שעהנע מאווינג פיקטשור. מען וועט אויך טאנצען א טענצעל און עס וועט אויך זיין עפעס צו צובייסען.

מיטגלידער פון די אינטערנעשאנאל לאקאלס זיינען העפליכסט געלאדען צו קומען זיך אמוזירען.

אבליינונג באצאהלט זיך ניט
הילס איער פארקילונג היינט
HILL'S
CASCARA QUININE
BROMIDE
פארלאזטע קאפשמערצען און פארקילונגען זיינען א פארברעכען קעגען פאמיליען געזונד און וואהלזיין. דיס ניט קיין שקלאף צו ווינטער קאמפליינטס—האלט
הילס ס. ב. קו. טאבלעטס
העלפט און היילט אייערע פארקילונגען אין 24 שטונדען, לא גריפ אין 3 טעג.
אבליינונג באצאהלט זיך ניט—פרובירט עס ניט—נעהמט הילס ס. ב. קו. טאבלעטס און איהר הערט ווארט נעהילט. פארערט דעם ריכטען באקס מיט בילד פון מר. הילל און זיין אונטערשריפט.
הילס ס. ב. קו. טאבלעטס
אדער
הילס ס. ב. קו. ריטע באקס קאלד קיור
אדער
ניט איבער ריזען ארויס־פ־זסענס פון רעקאַנס.
פארערט
אין יעדער דראג סטאר—30 סענט
W. H. HILL COMPANY, DETROIT

קורץ און שארף

(שלוס פון זייט 10)

[illegible]

דעם פיער־בונד סעקרעטער האט שוין דער טער נאך מיט מול אנגעווענדט, נאטירליך, מיט א „תוספות", אז דער סעקרעטער מיינט ניט, חלילה, אז אמעריקא פערפליכטעט זיך דערמיט זיך אנצושליסען אן אירגענד א פערשווערונג, אז זי מאכט ניט מיט קיינעם קיין „אליאנס", און אז זי פערפליכטעט זיך ניט צו געטריישען אירגענד וועלכע באשטימטע גרופע. פאר־שטעה איך ווירקליך ניט, וואס פאר אן ערי מאך דאס איז, אז אויב זי פערפליכטעט זיך צו גאר ניט, אויסער זיך דורכצושמועסען, און צו וואס קען אזא סעקרעטער גאר אין גאנצען טויגען? אבער דאס איז די הויכע דיפלאמאטיע, וועלכע איז איבער דער השגה פון א גאר ווערנליכען שטערבליכען.

עס ווערט באריכטעט, אז די פראצעסען פון די סאציאליסטען־רעוואלוציאנערען אין רוס־לאנד וועלען זיין אפענטליכע. א קאמעדי־פריימס, ווייל עס איז שוין באוויזען געוואר־רען סיי אין רוסלאנד און סיי אין אנדערע לענדער, אז די אפענטליכקייט איז ניט קיין שוץ געגען געמיינהייט און נידערטרעכ־טיגקייט.

א קאנצערט אין סקענעקטעדי, ניו יארק, האט מען דורך דעם ראדיא־טעלעפאן געהערט אין אקלאהאמא, קאליפארניא. דארט, אויף דעם פאסיפיק קאסט האבען זיי געהערט די שטימען, די מוזיק, אזוי ווי זיי וואלטען גע־ווען אין סקענעקטעדי. א קאלעדוש אין מא־סאטשוזעטס גיהט באלד געבען א גאנצען קורס פון לעקטשורס דורך דעם ראדיא־טעלעפאן, וועמעס צוהערערשאפט וועט זיין ניט וועני־גער ווי 35 טויזענד מענשען. עדווארד בעל־לאמי, אין זיין בוך „לוקינג בעקווארד", האט שוין מיט עטליכע און דרייסיג יאהר צוריק פאראויסגעזאגט דיזע וואונדער אונטער א סא־ציאליסטישער געזעלשאפט. און דאס איז טאקע דער פארדרוס, דאס שלעכט, וואונדערבאר, ווי דאס איז, פאסט זיך עפעס גאר ניט אין א געזעלשאפט, די מעהרסטע מענשען פון וועלכע האבען צו זארגען און צו טראכטען וועגען זייער עלענדער און מיזעראבעלער עקזיסטענץ, וועגען דעם, ווי קריגט מען צו האבען דריי מאלצייטען א טאג.

מאהאטמא גאנדהי, דער אינדישער רעבעל און פרייהייטס קעמפער, איז פעראורטיילט גע־ווארען צו זעקס יאהר, אבער זיין גרויסע לע־רע צו לאזען דעם אונטערדריקער אויבען שטארבען פון הונגער, ניט צו האבען מיט איהם קיין מגע ומשא, גאר ניט צו קויפען און ניט פערקויפען איהם, איגנארירען איהם, אזוי ווי ער וואלט גאר אין אינדיען ניט געווען — דיזע לעהרע האט דער ריכטער ניט געקאנט ארעסטירען צוזאמען מיט גאנדהי, און פריהער אדער שפעטער, וועט עס זיין די לעהרע פון גאנדהי, וועלכע וועט באזיגען דעם ענגלישען דעספאטיזם אין אינדיען.

א שרייבער אין די ניו יארק „טיימס" ווייזט אן, אז פאר יעדען דאלער צדקה, וואס אמעריקא האט ארויסגעשיקט צו די מלחמה לייד־ענדע, האט זי געקראגען א דאלאר אין פראפיטס. ער מאכט אזא חשבון: ווייל פי־לע האבען אוועקגעשיקט זייערע אלטע קליי־דער און שיך און העמדער, אום צו באדעקען די נאקעטקייט פון אונזערע אומגליקליכע ברי־דער און שוועסטער אין די מלחמה לענדער, האט מען דא געמוזט מאכען נייע קליידער, נייע שיך, נייע העמדער, און דאס האט פיל געהאלפען אונזערע מאנופעקטשורער און די ארבייטער צו זיין ביזי. דאס שיקען פון תבואה נאך רוסלאנד האט געמאכט, אז דער פרייז פון א בושעל ווייץ זאל שטייגען אויף 10 סענט, און דאס האט געמיינט א געווינס פון הונדערט מיליאנען דאלאר פאר יעדען מי־ליאן בושעל ווייץ, וואס ווערט איצט פער־ברויכט אין אמעריקא. עס קומט אויס, אז דוקא דורך דעם, וואס מיר זיינען געווען אזעלכע בעלי צדקות, האבען מיר גאר געמאכט גוטע געשעפטען. ווער רעדט פון צולייגען, דאס אוודאי ניט.

אייערע קינדער'ס אויגען

האבען אייערע קינדער שוועריגקייט אין לערנען? געפינען זיי זייערע לעססאנס צו שווער? איז זייער זכרון שארף אדער שוואך?

אין פילע פעלע איז דאס דער רעזולטאט פון שוואכע, אנגעשטרענגטע אויגען און א פאר גוט צוגעפאסטע ברילען וועט זיי אייך באפרייען פון יעדע שוועריגקייט און העלפען זיי אין זייער לערנען. זעהט זיך מיט דר. בעקער'ן אין איינע פון זיינע 3 אפטיקעל אפיסעס און א עקזאמינישאן וועט באשטימען דעם צושטאנד פון זייערע אויגען.

אפטאמעטריסט און אפטישען

215 איסט בראדוויי	895 פראספעקט עוו.
ניער קלינטאן סטריט	נעבען 163טע סטריט
102 לענאקס עוועניו	170 פיטקין עוועניו
נעבען 116טע סטריט	נעבען ראקעוועי עוועניו

262 איסט פארדהעם ראוד, בראנקס

DR. BARNETT L. BECKER.

מיין וועג

(ישעיה פון וויט ?).

בעי מעשות, וועלכע קיינער דארף ניט און ראט פון זיי קיין נוצען ניט.

אבער כיסלעכווייז, כיסלעכווייז ווערען די שטריכען פון מיין פנים ווידער ווערען שארפער און דער פרישער קאליר וועט צוריק קומען. כיסלעכווייז, כיסלעכווייז וועלען מיינע אויגען ליכטיגער ווערען, זיך עפענען אין ברייטער און ברייטער. מיינע טריט וועלען ווערען פעסטער און זיכערער. מיין אייגען צארה, מיינע געדאנקען קלאר און ליכטיג, מיין גייסט מונטער. און איך וועל ווידער נעהן צווישען מענשען, זיך פרייען, הויכען און זייערע פרייד און הנאה, און זייערע געדאנקען. און איך וועל ווידער טאן מיין ארבייט פרייליך, מיט ליבע, און ווארטען געדולדיג אויפ'ן טאג ווען די פרוכט וועט אויפגעהן.

אזוי איז עס געוועזן, אזוי וועט עס זיין.



פרישטייט

[illegible]

קויפט אויסשליסליך

זאלאמביא טהעע
צוועטאטשני טשאי
וואיט לילי טהעע

יצחק אייזיק הורוויטש

לאא אפיס

280 בראדוויי

רום 431 טעלעפאן וואירטה 1936

טעלעפאן גראמערסי 2441

די לעאנארד פרעס

42 איסט 23טע סט., ניו יארק

הארלעם סאציאליסטישער עדיוקיישאנאל סענטער

62 איסט 106טע סטריט,

צווישען פארק און מעדיסאן עוו.

צו פארדינגען א גרויסען האל

קען אריינגעמען 600 מענשען

פאר קאנצערטען, באלער, פארשטעלונגען, חתונות און ש. וו.

אויך אפיסעס און מיטינג רומס.

אפען יעדען טאג ביז שפעט ביינאכט.

טעלעפאן: הארלעם 9020.

The *Modern* Fashion School

דעזיינינג און סקעטשינג

איהר קאנט ווערען א פעטערן מאכער און א גארמענט סקעטשער אין דריי מאנאטען אדער אין נאך ווייניגער. מען דארף ניט האבען קיין עקסטרא טאלאנט אויסצולערנען זיך דעם „מאדערן סיסטעם" פון פעטערן-מייקינג, גריידינג, דרייפינג, גארמענט סקעטשינג, פיטינג און דרייפינג פון ליידיס, מיססעס און טשילדרענס קלאוקס, סוטס און דרעסעס.

אינדיווידועלע אינסטרוקשאנס.

קומט אירגענד וועלכען אווענד פון 7 ביז 9. שבת נאכמיטאג, פון 2 ביז 4.

די מאדערן פעשאן אקאדעמי.

112-118 וועסט 44טע סט., רום 701. אנטקעגען דעם בעלאסקא טעאטער.

קלאוקמאכער

אויפמערקזאם!

קאמפליינטס פון קלאוק שעפער

ווערען אויפגענומען ווי בעפאר

אין די אפיסעס פון דזשאינט באארד

40 א. 23טע סט. קלאוק און ריפער שעפער אויפ'ן 1טען פלאר.

דרעס און סקוירט שעפער — אויפן 2טען פלאר.

פראטעקטיוו שעפער אויפ'ן 3טען פלאר.

קאמפליינטס פון דאון-טאון קלאוק שעפער

ווערען אויפגענומען

אין דעם דאון-טאון אפיס

35 איסט 2טע סטריט, קארנער 2טע עוועניו.

די קלאוקמאכער, וואס האבען קאמפליינטס צו מאכען, זאלען זיך ווענדען אין די אויבענדערמאנטע פלעצער.

איזראעל פיינבערג,
דזשענעראל מענעדזשער.

יונייטעד העט דעזיינערס יוניאן

לאקאל 45

צו אלע משתדלימע פון דער קלאוקמאכערס יוניאן!

ברידער משתדלימע:

די דעזיינערס יוניאן ווענדעט זיך צו אייך מיט א ביטע: פאסט אויף, אז יעדער נייער דעזיינער וואס קומט אריין אין א שאפ ארבייטען זאל האבען א גוט-שטעהענדע יוניאן קארד פון לאקאל 45.

אויך לאזט אונז וויסען, צי די דעזיינערס וואס ארבייטען מיט אייך אין די שעפער באלאנגען צו דער יוניאן. לאזט אונז וויסען דורך א פאסטעל קארד אין אפיס, צי אייער דעזיינער איז א יוניאן מאן צי ניט. לאזט אויך וויסען זיין נאמען און אדרעס, און די פירמע ביי וועמען ער ארבייט.

אונזער אפיס געפינט זיך אין 36 וועסט 33טע סטריט, טעלעפאן פענסילווייניא 2071.

מיט דאנק אין פאראויס,

עקזעקוטיוו באארד
יונייטעד דעזיינערס יוניאן, לאקאל 45
מ. גאלדאווסקי, מענעדזשער.

שיקט אייערע קרובים געלט אויף יום טוב דורך קייבעל

נאך גאנץ פוילען און גאליציען

פאר 95 סענט

דורך דעם ספעשעל טעלעגראפישען סיסטעם

וועלכע איז עטאבלירט געווארען נאר פאר דער באקוועמליכקייט פון די הונדערטע טויזענטע קאסטאמערס, וועלכע האבען פריהער געשיקט געלט צו זייער מישפחה אין פוילען דורך

די באנק אוו יונייטעד סטייטס

דאס געלד ווערט אפגעשיקט דעם זעלבען טאג און דורך די זעלבע קייבעל קא. און דעם זעלבען אופן ווי די געוועהנליכע קייבעלס ווערען געשיקט און וועלכע קאסטען אייך פון 4 ביז 5 דאלאר, און ווערט אויסגעצאהלט צו אייערע קרובים מיט דער גרעסטער פינקטליכקייט

איהר קענט אויך שיקען געלד דורך

מאני אָרדער, קייבעל און דרעפט — נאך אלע טיילען אין פוילען, ליטא, רומעניען, עסטרייך, אונגארן, טשעכא־סלאוואקיא, דייטשלאנד און איבעראל אין גאנץ יוראפ.

נאך א פארשטעהער פון דער באנק אוו יונייטעד סטייטס איז אפגעפאהרען

דירעקט נאך רומעניען

דארט צו פארגרעסערען און פאלשטענדיג צו עטאבליר[illegible] די ארגאניזאציאן פון דער באנק אין אלע געגענדען פון גרויס רומעניען פאר דער שנעלער און זיכרער אויסצאהלונג פון געלדער.

די רומענישע פארבינדונגען פון דיזער ב[illegible] איז יעצט און ווערט אויך זיין איינע פון די גרעסטע אפטיילונגען אין אונזער אויסלענדישען דעפארטמענט. אונזערע טויזענטע רומענישע קאסטאמערס ספעציעל וועלען באקומען די בעסטע און פאלקאמענע באדינגונג.

אמעריקאנער דאלארס ווערען איבערגעשיקט אויף דעם פארלאנג פון אפשיקער

נאר אין די געגענדען וואו עס איז ערלויבט אויסצוצאהלען דאלארס.

אמעריקאן רעליף אדמיניסטריישאן שפייז פאקעטען נאך רוסלאנד צו באקומען אין אונזערע 4 ברענטשעס.

שיקט אייערע קרובים געלט אויף יום טוב דורך קייבעל.

— קומט אין באנק פאר אינפארמיישאן. —

די באנק אוו יונייטעד סטייטס

הארלעם ברענטש מעדיסאן עוועניו און 116טע סטריט	**הויפט באנק** 5טע עוועניו און 32טע סט	**בראנקס ברענטש** סאוטהערן בולווארד און פריעמאן סטריט

דעלענסי סט. ברענטש, 77־79 דעלענסי סטריט.

מאָדערנע דאגות

און זיי רעגען שלאפען... איצט איז נאך צונקוכיען די מעשה פון סט. פאול, מינע־סאטא. ס'האט חלילה קיין בייז ניט פאסירט דארטען, נאר פונדעסטוועגען האט דאס אויפגעשטורעמט דאס לאנד. מ'האט זיך, נעמליך, דערוואוסט, אז די דזשורי, וואס איז באשטאנען פון פינף פרויען און זיבען מענער, וואס מ'האט איינגעשפארט אויף א גאנצע נאכט, האט געהאט בלויז א פארהאנג פאר א מחיצה צווישען די בעטלאך. דער גובערנאטאר פון מינע־סאטא, ווי נאר ער האט זיך דערוואוסט דערפון, האט דערקלעהרט, אז פאר קיין פאל, אונטער קיינע אומשטענדען, וועט ער ניט ערלויבען דער גובערנאטארשע צו זיצען אין א געמישטע דזשורי! און אויף איהם קוקענדיג האבען שוין אויך אנדערע מענער געהאנגען לשון; און עס איז איצט געווארען א פראגע: וואס טהוט מען מיט דעם רעכט? דאס געזעץ פאדערט אז א דזשורי זאל געהאלטען ווערען צוזאמען די גאנצע צייט. ענטזאגען פרויען פון דזשורים וועלען זיי אויפהויבען א קאמפף. מאכען באזונדערע דזשורים פון מענער און באזונדערע פון פרויען וועט דאס הייסען דיסקרימינירען אין דער בירגער־שאפט. לאזען געהן ווי עס געהט, וועלען די מענער, טאטעס, חתנים און גלחים ניט שווייגען... און אזוי איז צוגעקומען נאך דאגות פאר רער, אזוי אויך פאר־ראגה'טער מענשהייט. נייע דאגות; מאדערנע דאגות. ווי די גמרא וואלט געזאגט: „מרבה רעכטע מרבה דאגות".

„די מצה מיט א געשמאק"

1) היינטיגען פסח, פונקט ווי אין די לעצטע 27 פסח'ן וועלען פארנינפטיגע און פראקטישע מענשען עסען „די מצה מיט א גע־שמאק", וועלכע איז געווארען אזוי בארימהט איבער דער גאנצער וועלט אלס פראקטישער מענש וועט איהר זיך באזארגען מיט דיעזער מצה, ווייל אז זי איז „זייט 1884 די בעסטע". אלע ווייסען עס פרעגט אייערע עלטערען קרובים און פריינד, וועלכע האבען פארזוכט פאר־שידענע מצות, און זיי וועלען אייך זאגען, אז האראוויץ'עס זיינען די בעס־טע.

2) זיי ווערען געבאקען אונטער דער אויפזיכט פון הגאונים דר. הלל קליין און רמ"ז מרגליות.

3) ווייל זיי ווערען פראדוצירט אין ניו יארק סיטי.

האראוויץ בראדערס און מארגארעטען

HOROWITZ BROS. & MARGARETTEN

369-383 E. 4th St., N. Y.

Tel. Orchard 4014

GERECHTIGKEIT—(JUSTICE)

גערעכטיגקייט

אפיציעלער ארגאן פון דער אינטערנעשאנאל לידיס גארמענט װארקערס יוניאן

Vol. IV. No. 14. New York, Friday, April 7, 1922. ניו יארק, פרייטאג, דעם 7טען אפריל, 1922. PRICE 3 CENTS

די קלאוקמאכער דארפען זיין גרייט פאר א נייעם קאמף

קיין פעדעראל אונטערזוכונג וועט מעהר ניט זיין. א ווארט פון פרעזידענט שלעזינגער איבער דער איצטיגער לאגע אין דער קלאוק־אינדוסטריע.

די לאגע אין דער קלאוק אינדוסטריע ווערט איצט אומבאשטימטע. פריהער ווען מען האט גערעכנט אז א פעדעראל אונטערזוכונג וועט דאך געמאכט ווערען, האט מען נאך אפשר געקאנט ערווארטען, מען וועט אנפאנגען רעדען וועגען באנייען דעם אגרימענט אין שריפט. איצט אבער איז שוין גאנץ באשטימט, דאס די געפלאנטע אונטערזוכונג פון די מיניסטארען הואווער און דייוויס וועט מעהר ניט פארקומען.

די זאך איז גאנץ אפען. די פיהרער פון די פראטעקטיוו אסס'ן האבען גע־מיינט, אז דורך א פעדעראל אונטערזוכונג וועט זיי געלינגען ווידער איינצופיהרען שטיק־ארבייט, נאך וועלכען זיי לעכצען אזוי. פרעזידענט שלעזינגער האט עס אבער איינגעזעהן גלייך ביים אנפאנג און ער האט געהאלטען אין איין האמערען נאך וואשינגטאן, אז דאס וועט נישט געהן; אז די אונטערזוכער וואלען אפילו ניט פראבירען רעניסען, אז די יוניאן וועט לאזען אומבייטען די ארבייטס־סיסטעם, און ווען די הערען פון די פראטעקטיוו האבען עס געהערט, האבען זיי שוין מעהר ניט געוואלט קיין אונטערזוכונג. זיי האבען גענומען מאכען שטערונגען, ביז די מיניסטארען הואווער און דייוויס האבען איינגעגעבען דעם פלאן. זיי האבען דאס לעצטע וואך געלאזען וויסען דורך א בריוועל, וואס זיי האבען געשיקט צו דער יוניאן און צו דער פראטעקטיוו אסס'ן. דער בריוועל איז א קורצער, ער לעזט זיך ווי פאלגט:

בענדזשאמין שלעזינגער,
פרעזידענט אינטערנעשאנעל לידיס גארמענט ווארקערס יוניאן.

„מיט באדויערען מוזען מיר אייך וויסען לאזען, אז די רעזולטאטען פון אונזער לעצטע קאנפערענץ ווייזען ניט, אז עס זאל מעגליך זיין צוזאמענצוברענגען די ארבייטסגעבער און די ארבייטער פון די לידיס גארמענט אינדוסטריע פון ניו יארק פאר דער אויפגאבע צו קענען פארפיהרען די געפלאנטע אונטערזוכונג פון אן אומפארטייאישע קאמיסיע, ביידע צדדים ווילען אויך ניט איינינ איבער דעם פערסאנאל פון דער קאמיסיע.

„אהן אן איינפארשטעהן זיך איבער די פונקטען וועט די קאמיסיע זיין געבונדען פון אנפאנג אן.

„כיון ביידע צדדים ווערען ניט איינווערן אז די רעזולטאטען פון א פרייע אונטערזוכונג אין דער אינדוסטריע קענען ליינען א פונדאמענט פאר א גערעכטען און דויערהאפטען פרידען, גלויבען מיר ניט, אז מיר זאלען קענען זיין צו אייער דינסט אויף וועלכען עס איז ווענ." זעהר איבערגעגעבען אייער,

הערבערט הואווער,
סעקרעטארי אוו קאמערס
דזשיימס דזש. דייוויס,
סעקרעטארי אוו לייבאר.

אזוי, אויס אונטערזוכונג. איז וואס וועט זיין?

פון זייטער פון די מאנופעקטשורערס בראזען כליגע ווינטען, זיי האבען נאך אלץ, ווי עס שיינט, ניט געלערנט דעם ניטיגען לעסאן; ווי עס שיינט, מיינען זיי נאך אלץ אז זיי קאנען אפ־

(שלוס אויף זייט 10.)

וואס ווילט איהר?

וואס ווילט איהר? א קאסטע, אן אפע־רייטער, א פינישער, א סעמפעלמאכער, א פרעסער, א באנאארער, אדער אפשר גאר א באטאנהאל מאכער, צי א רעזיינער?

וואס איהר זאלט ניט ווילן, דארפט איהר גרייך אפשטעלען דעם 20 דאלער טעקס פאר דעם מיליאן דאלער פארשיידיגונגס פאנד פון דער קלאוקמאכער יוניאן.

מיט עס גרייך. עס איז איין די אינטערעסען פון יעדען ארבייטער, מאן אדער פרוי, — פון אלע וואס ארבייטען אין א קלאוק, סקירט אדער דרעס שאפ. דאס געלט וואס איהר צאהלט איצט, וועט אייך באשיצען פון א סך צרות.

פינפטער יאהרעספעסט פון די אינטערנעשאנאל עדיוקיישאנאל טעטיגקייט

דער פינפטער יאהרעספעסט פון די אינטערנעשאנאל עדיוקיישאנאל טעטיגקייט, איז געפייערט געווארען לעצטען שבת אבענד אין וואשינגטאן אירווינג הייסקול, דורך א שעהנער אונטערהאלטונג פון די סטודענטען און לערער פון אונזער ארבייטער אוניווערזיטעט און פון די יוניטי סענטערס. די אונטערהאלטונג איז געווען א גרויסער ערפאלג. עס זיינען אנוועזענד געווען איבער פינף הונדערט פערזאן, פרויען און מענער, און אלע האבען זעהר גוט פארבראכט. די גרויסע דיינינג רום פון דער סקול איז געווען עקסטרא שעהן דעקארירט, מיט גרוים געשמאק, און דאס האט געגעבען נאך א באזונדער טעם צום צוביים וואס מען האט געגעבען. די שטימונג פון דעם אבענד, איז אין אלגעמיין געווען גרויסארטיג! דער גייסט איז געווען פון אמת ברידערליכער.

אויף דער שמחה זיינען אנוועזענד געווען אייניגע גאנץ אנגעזעהנע געסט, מענשען מיט א נאמען אין דער וועלט פון עדיוקיישאן, און אויך אנגעזעהנע פערזאנען פון אונזער יוניאן.

דער טשערמאן פון אבענד איז געווען אלעקסאנדער פיטשאנדלער, אונזער עדיוקיישאנאל דירעקטאר, און מיט זיינע וויציגע באמערקונגען האט ער פיעל צוגעגעבען צו דער שטימונג פון דעם אבענד.

פאסיגע רעדעס זיינען געהאלטען געווארען פון די פאלגענדע פערזאנען: פרעזידענט שלעזינגער, אלבערט מאנסברידזש, דער גרינדער פון „די ווארקערס עדיוקיישאנאל אסאסיאיישאן" אין ענגלאנד, פראפעסאר קענדריק, ש. יאנאווסקי, רעדאקטאר פון די „גערעכטיגקייט", פאניא מ. קאהן, סעקרעטערי אינטערנעיישאנאל עדיוקיישאנאל קאמיטע און די פאלגענדע לערער פון אונזערע קלאסען: דר. ה. קארמאן, דר. הארס קאללען, א. ל. ווילבערט און מערוין וואלפסאן.

פון די סטודענטען האבען גערעדט די פאלגענדע: מערי גאף, סארא שאפירא און עוועלין ארנסאן. עס האבען געוואלט רעדען נאך אנדערע פון די סטודענטען, עס איז אבער לײדער, קיין צייט ניט געווען.

אלע רעדנער האבען אויף וויער שטיינער גראטולירט די אינטערנעיישאנאל לייד־

(שלוס אויף זייט 16.)

פרעזידענט שלעזינגער אין פילאדעלפיא

...ינסטאג, דעם 4טען אפריל, אי...
...רעזידענט שלעזינגער געפאהרען אי...
...פילאדעלפיא. ער איז אריינגעלאפען נע...
...זארען באצייאינגען אייניגע וויכטיגע מי...
...טינגען פון אינזערע לאקאל יוניאנס אי...
פילאדעלפיא.

קודם כל וועט ער האבען א קאנפע...
...רענץ מיט א קאמיטע פון די קלאוק...
פרעסער, וועלכע פארלאנגען געוויס...
„רעפארמען". ער וועט איבערהע...
זייער פארלאנג, און וועט רעקאמענדי...
רען צו דער דזשאינט באארד פון דע...
קלאוקמאכער יוניאן אין פילאדעלפי...
וואס עס זאל אין דער אנגעלעגענהי...
געטאן ווערען.

ער וועט דארט אויך האבען א ספע...
ציעלען מיטינג מיט דער עקזעקוטיוו...
פון דער ווייסט און דרעסמאכער יוניא...
לאקאל 15. אונזערע בראווע ווייסט...
און דרעסמאכער פון פילאדעלפיא זיינע...
געבליבען געטריי זייער יוניאן. כאט...
זייער סטרייק האט זיך געענדיגט אה...
א פארשטענדיגונג ווענ פאר די א...
בייטער.

דער סטרייק האט זיך אבער, בשו...
אופן ניט געענדיגט מיט א זיג פאר...
באלעבאטים. די מעהרסטע פון די ב...
לעבאטים זיינען דורך דעם סטרייק פשו...
רואינירט געווארען און זיי וועלען שו...
פארזוכען א צווייטען פון אזעלכע „ג...
ווינסען" ווי זיי האבען געהאט.

די ווייסט און דרעס מאכ...
יוניאן אין פילאדעלפיא אין פארבליב...
א יוניאן ווי פריהער און פארשיידע...
פראגען ווערען אויסגעארבייט ווי ב...
א פאסענדער געלעגענהייט, צו פארע...
דיגען די ארבייט, וואס דיזע יוני...
האט שוין לאנג צוריק געשטעלט...
צום ציעל, נעמליך צו ארגאניזירען אי...
ארבייטער אין דעם טרייד.

אזוי, פרעזידענט שלעזינגער וו...
דארט האבען א ספעציעלען מיטינג מיט...
עקזעקוטיוו באארד פון לאקאל 15...
ער וועט זאגען זיין ווארט אין דער א...
געלעגענהייט. וויבאלד נאר די ווייס...
און דרעסמאכער פון פילאדעלפיא ז...
נען פארבליבען ארגאניזירט, האבען...
ארבייטער דעם סטרייק ניט פארלאר...
עס וועט שוין קומען דער טאג, פ...
דעם פאלשטענדיגען זיג פון דער יוני...
דער טאג מוז קומען! מען דארף נ...
מאכען די נויטיגע פארברייטונגען.

אינטערנעשאנאל אפען פארום פרייטאג, דע... 14טען אפריל, אין די בראנקס

די אינטערנעשאנאל „אפען פארום" מיטינגען, וואו עס ווערען דיסקוטירט די פראבלעמען אין דער קלאוק אינדוסטריע, ווערען פארגעזעצט. דער נעקסטער מיטינג וועט זיין פרייטאג אווענט, אפריל 14, אין די בראנקס. דער פלאץ וועט באקאנט געמאכט ווערען אין קומענדען „גערעכטיגקייט."

דער איינלייטער פון דער דיסקוסיע ו...
זיין ברודער י. פיינבערג, דזשענער...
מענעדזשער פון דזש. באארד פון ד...
קלאוקמאכער יוניאן. דער טשערמאן ו...
זיין בר. דזש. בראסלאו, דער מענעדזש...
פון די קלאוק פרעסער יוניאן לאקאל...
דער מיטינג ווערט ארגאנזירט פו...
אינטערנעשאנאל עדיוק. דעפארטמענט...

וואהלען פאר דעלעגאטען צו אונזער קאנווענשאן.

אין די מעהרסטע פון אונזערע לאקאלס אין ניו יארק וועלען שוין פארקומען ...
וואהלען פאר דעלעגאטען צו אונזער קאנווענשאן. בלויז אין אייניגע לאקאלס דארפען ...
וואהלען פארקומען די טעג.

שבת, 8טען אפריל, וועלען פארקומען די וואהלען אין די לאקאלס 9, 10 און 20.

די וואהלען פון דער פינישערס יוניאן, לאקאל 9, וועלען פארקומען אין לייבאר טע...
...פעל, 14טע סטריט און 2טע עוועניו. מען וועט קענען שטימען פון 9 אין דער פריה ב...
9 ביינאכט.

די וואהלען פון דער קאטערס יוניאן, לאקאל 10, וועלען פארקומען אין ארלינגט...
...האל, 23 סט. מארקס פלייס. שטימען וועט מען קענען פון 12.30 ביז 6 פארנאכט.

די וואהלען ביי די רעינקאוטמאכער, לאקאל 20, וועט פארקומען אין אפיס פון
דער יוניאן, 22 וועסט 17טע סטריט. מען וועט שטימען פון 10 ביז 4.

די ווייסט און דרעס פרעסערס יוניאן, לאקאל 60, וועט האבען וואהלען נעקסט...
...מיטוואך, דעם 12טען אפריל, אין אפיס פון דער יוניאן, 16 וועסט 21טע סטריט. שטימ...
... מען קענען דעם גאנצען טאג.

אינהאלט־פארצייכניס

„גערעכטיגקייט" נומער 14.

זייט 2. די וואך. — ג. ש.
זייט 3. מיטינג פון דזשאינט באארד פון דער קלאוקמאכער יוניאן. — ל. לאנגער.
זייט 4. צווייי מיטינגען פון דזשאינט באארד פון די ווייסט און דרעסמאכער יוניאן. — מ. ק. מאקאוו.
זייט 5. עניינים פון אונזער אינטערנעשאנאל אין דער פרעסע.—ל. פינקעלשטיין.
זייט 6. קלאוק אפערייטארס יוניאן, לאקאל 1. — ב. שעהן. פילאדעלפיער קלאוקשאפ. — מ. סאנדלער.
זייט 7. א זיווג (ערצעהלונג). — שלום אש. די פריוען־קליידער מייקערס און די באנאז עמבראידערערס יוניאן. — אסיפ וואלינסקי. אן אויפרוף פון די גערקשאפטען. — מאקס פיין.
זייט 8. פון רעדאקטאר'ס נאטיץ־ביכעל.
זייט 9. דער סוף פון א קיוזער דינאסטיע.— ג. טאביאס. שפראצונג (געדיכט). — א. ראדוצקי.
זייט 10. דער סיסטעם פון עפישענסי און זיין באדייטונג פאר די ארבייטער. — ל. באראוולין. קורץ און שארף.—י. ב. ג.
זייט 11. לעבען און טעטיגקייט ביי די קלאוקמאכער אין קליוולאנד. — א סטאף רעפארטער.
זייט 12. ווי צו זיין געזונד. — דר. ב. דר באזוסקי. קורצע שמועסען.
זייט 13. 14 און 15 — אדווערטייזמענטס.
זייט 16. צווייטער יעהרליכער קאנפערענץ פון די „ווארקערס עדיוקיישאנאל ביור'ס". — עקזעקוטיוו פון לאקאל 64 — מאקס ליבאוו. שלוס פון 1טער זייט.

וואו האלט עס מיט דער פעדעראלער אונטערזוכונג אין קלאוק אינדוסטרי?

וועט די פעדעראל אונטערזוכונג אין דער קלאוק אינדוסטריע, וואס איז געפלאנירט געווארען פון די מיניסטארען האווער און דייוויס, שטאטפינדען אדער ניט?

ווער, עס שיינט אז גיכער ניט ווי יא. לעצטען שבת איז אנגעקומען נייעס פון וואשינגטאן, דאס די מיניסטארען האווער און דייוויס האבען איינגעשיקט בריף צו ביידע צדדים, צו דער יוניאן און דער פראטעקטיוו אסס'ן, מיט דער מעלדונג, דאס צוליב די „שטרענגע" פארהאנדלונגען וואס ביידע צדדים שטעלען די רעגירונג אין באצוג די געפלאנטע אונטערזוכונג, האבען זיי פארלארען די „באגייסטערונג" אנצופאנגען די אונטערזוכונג און אלץ איז אויס.

ווי אונזערע לעזער ווייסען שוין פון פריהער, האט פרעזידענט שלעזינגער, אין זיין לעצטער קארעספאנדענץ מיט וואשינגטאן געהאלטען אין איין באטאנען, דאס ערשטענס מוז די אונטערזוכונג זיין א טיפע, א ווייטגעהענדע, וואס זאל ארומנעהמען אלע פאזען אין דער פראדוקציע פון פרייען־קליידער, און צווייטענס זאל די אונטערזוכונג זיך ניט פארנעהמען צו מאכען אירגענד וועלכע רעקאמענדאציעס צו ענדערען די איצטיגע ארבייטס־באדינגונגען און סטאנדארדס אין דער אינדוסטריע.

דאס האט געטראפען די קלאוק מאנופעקטשורערס ווי א דונער. ווי עס שטעלט זיך ארויס, האבען זיי געהאט א באהאלטענע האפנונג, דורך דער אונטערזוכונג ווידער צו עטאבלירען שטיק ארבייט. די יוניאן פארשטעהט אבער יעדען קעהר און דיהר פון די בעלי בתים און פרעזידענט שלעזינגער האט געהאלטען אין איין האמערען נאך וואשינגטאן, אז וועגען בייטען דעם ארבייטס־סיסטעם זאל קיינער אפילו ניט חלומ'ען... היינט, ווי באלד אזוי, טראכטען זיי זיך, טו וואס דארף מען די אונטערזוכונג?... האבען זיי גענומען ליארעמען, אז „דער פרעזידענט פון דער אינטערנעשאנאל וויל דוקא דיקטירען ווי די אונטערזוכונג זאל געמאכט ווערען" און זיי האבען געסטראשעט, אז זיי וועלען זיך אין דער אונטערזוכונג ניט באטייליגען.

דערביי איז אבער פאראן נאך עפעס: די באלעבאטים האבען פשוט מורא פאר א גרינדליכער אונטערזוכונג, וואו עס וועט זיך גאנץ זיכער ארויסווייזען, ערשטענס, די זעהר גרויסע פראפיטען וואס זיי מאכען; צווייטענס, וועט זיך ארויסווייזען, ווי פיל ווייטיגע פיאוויקעס עס האבען זיך אנגעפלאדיעט אין דער קלאוק אינדוסטריע, אין דער פארמע פון פארשיידענע „אגענטען", וועלכע ציהען גרויסע וויירושעס און טוען גאר ניט פון עפעס א נוצען פאר דער אינדוסטריע. איינזעהענדיג באצייטענס, דאס די יוניאן איז גאנץ אויף דער וואך און וועט ניט לאזען, אז די געפלאנטע אונטערזוכונג זאל אויסגענוצט ווערען בכדי צו זייער גונסטען, האבען זיי גענומען מאכען שטערונגען.

קורץ, לויט די נייעס, וואס איז לעצטען שבת געקומען פון וואשינגטאן, שיינט עס, דאס די אונטערזוכונג וועט שוין ניט פארקומען, כאטש — ווי פרעזידענט שלעזינגער גיט אונז איבער, — האט ער דערווייל נאך ניט באקומען דעם בריף פון די מיניסטארען האווער און דייוויס, וועגען וועלכען די צייטונגען האבען לעצטען זונטאג געמעלדעט. אין די נייעס איז בפירוש געזאגט געווארען, אז דער בריף איז געשיקט געווארען צו דער יוניאן און די פראטעקטיוו אסס'ן, אבער ביז היינט, מיטוואך, ווען די שורות ווערען געשריבען, האט די יוניאן קיין בריף ניט באקומען. ענטוועדער דאס איז געווען עפעס א מיספארשטענדניש, אדער מיט דעם בריף האט זיך עפעס געטראפען. עס בלייבט אפצואווארטען, ביז דער בריף וועט א מאל אנקומען פון וואשינגטאן, און דעמאלט וועט מען שוין וויסען גאנץ באשטימט, ווי עס האלט מיט דער געפלאנטער אונטערזוכונג.

ברודער הערי וואלף באפרייט פון פריזאן

ברודער הערי וואלף, פון שיקאגא, איז געווען א קרבן פון א פארביטערטען סטרייק פון די ווייסט און סקוירט מאכער אין שיקאגא אין דעם יאהר 1917. אין א געוויסען שאפ איז דעמאלט פארגעקומען א געשלעג צווישען סטרייקער און סקעבס און אין דעם געשלעג איז געשטאכען און פארוואונדעט געווארען דער פארמאן פון יענעם שאפ.

ווער עס האט דעם פארמאן געשטאכען בעת דער פארמאן האט זיך געווארפען מיט א שער אויף די סטרייקער, איז נאך ביז היינט ניט באוואוסט. אבער וואס מאכט עס אויס, צי מען ווייסט דאס יא, צי מען ווייסט דאס ניט? ברודער וואלף, אלס באאמטער פון דער יוניאן אין צייט פון יענעם סטרייק איז אנגעקלאגט געווארען און איז געפונען געווארען „שולדיג", כאטש די פארטיידיגונג האט באוויזען, אז ער איז גאר דערביי ניט געווען, ווען דער געשלעג איז אין יענעם שאפ פארגעקומען, און ער איז פאר'משפט געווארען פון איין יאהר ביז לעבענסלענגליכען געפענגניס.

און ברודער וואלף איז אפגעריסען געווארען פון זיין פאמיליע, פון זיין פרוי און קינדער און ער איז פארשיקט געווארען אין דזשאליעט פריזאן, וואו ער האט אפגעזעסען גאנצע פינף פון די בעסטע יאהרען פון זיין לעבען!

אונזער אינטערנעשאנאל האט, נאטירליך, אפעלירט די קייס און געטאן אלץ וואס מען האט נאר געקאנט, איהם ארויסצוקריגען פון פריזאן, וואו ער איז אומשולדיג פארשיקט געווארען, צופרידען צו שטעלען דעם צווישעטען קאפיטאל פון שיקאגא. און די יוניאן האט אויך אויפגעפאסט, די פאמיליע פון דעם קרבן זאל דורך דער צייט ניט ליידען קיין נויט.

אלזא, נאך אפגעסעסען 5 יאהר אין פריזאן, איז ברודער וואלף לעצטע וואך ענדליך באפרייט געווארען. ער איז שוין א פרייער מענש און ער וועט ווידער טעטיג זיין אין די רייהען פון אונזער יוניאן אין שיקאגא, פאר וועלכער ער האט אזוי פיל געליטען.

אז ברודער הערי וואלף וועט ווידער טעטיג זיין אין די רייהען פון דער יוניאן, קאנט איהר זעהן פון דעם, וואס עס ווערט געזאגט אין שיקאגא'ר „פארווערטס". איבערגעבענדיג די נייעס פון זיין באפרייאונג ווערט דערביי געזאגט:

„אזוי גיך ווי ער איז באפרייט געווארען פון דזשאליעט פריזאן, איז ער געקומען צום מיטינג פון לאקאל 100 ווייסט און דרעסמאכער יוניאן און האט דערצעהלט פון זיינע ערפאהרונגען און איבערלעבונגען אין פריזאן. די מעמבערס האבען איהם אויפגענומען מיט באגייסטערונג און האבען איהם פרעזענטירט מיט א גאלדענעם זייגער אלס אויסדרוק פון אנערקענונג און טרייהייט צו איהם.

„ער האט נאכהער באזוכט דעם דזשאינט באארד פון די קלאוקמאכער און האט דארטען דערצעהלט, וואס ער האט דורכגעמאכט דורך דער צייט, וואס ער איז געווען אין פריזאן.

„די קלאוקמאכער זיינען צופרידען צו האבען צוריק אין זייער מיטע זייער ברודער הערי, וועמעס אומשולד זיי האבען באוויזען און האבען איהם באפרייט".

מיר באגריסען ברודער וואלף צוריק אין אונזערע רייהען און מיר גיבען א הארציגען ווילקאמען אין נאמען פון אלע אונזערע מיטגלידער.

א פראטעסט מיטינג געגען דער פאראורטיילונג פון סאקא און וואנזעטי.

(שלוס פון זייט 1).

שלעזינגער, אין נאמען פון אונזער אינטערנעשאנאל, ארויסגעשיקט צו אלע אונזערע לאקאלס אן אויפרוף, צו שטיצען מיט אלע מעגליכקייטען די רעטונגס־באוועגונג פאר סאקא און וואנזעטי און אין אונזערע לאקאל יוניאנס איז די פראגע אויפגענומען געווארען.

דער דזשאינט באארד פון די ווייסט און דרעסמאכער יוניאן האט באשלאסען איינצורופען א פראטעסט מיטינג, וועלכער וועט אפגעהאלטען ווערען איבעראכטאג דאנערשטאג, דעם 6טען אפריל, 8 אוהר אווענט, אין וועבסטער האל, 119 איסט 11טע סט. די רעדנער וועלען זיין דזש. האלפערין, לואידזשע אנטאניני, דזשוליוס האכמאן, ארטורא דזשאוואניטי, גורלי פלין און נאך אנדערע.

זאלען די ווייסט און דרעסמאכער קומען צום מיטינג אין זייערע גרויסע מאסען און אויסדריקען זייער פראטעסט געגען די פאראורטיילונג פון די צוויי מארטירער, סאקא און וואנזעטי.

באנאז עמבראידערערס יוניאן לאקאל 66 געווינט צוויי גרויסע סטרייקס

די סטרייקס, וואס די באנאז עמבראידערערס יוניאן, לאקאל 66, א. ג. וו. י., האט אנגעפיהרט פאר די לעצטע זעקס מאנאטען אין די צוויי גרעסטע שעפער פון טרייד, נעהמליך, ריבטער בראדערס פון 30 וועסט 14טע סטריט, און ניוטראל עמבראידערי, 12 וועסט 22סטע סטריט, זיינען געוואונען געווארען און די שעפער זיינען ווידער אונטער דער פארשטענדיגער קאנטראל פון דער יוניאן.

ביידע פירמעס האבען אנגעווענדעט אלע מיטלען צו בעטרייבען אפען־שאפס און ביידע פירמעס האבען זיך באנוצט מיט אינדזשאנקשאנס צו באזיגען די יוניאן. זעקס חדשים האבען די בראווע סטרייקערס געקעמפט און געפיקעט די שעפער ביז פארענדיגען דעם גרייבען אין ענדליכען נצחון.

דער לאקאל האט אין פארלויף פון לעצטען יאהר געמוזט אנפיהרען ביטערע קאמפען אויף דער גאנצער ליניע געגען דער באנאז עמבראידערערס פראטעקטיוו אסאסיאיישאן און אינדעפענדענט קאנטראקטארס, וועלכע האבען זיך באנוצט מיט'ן שווערען קריזיס אין טרייד אינטערצודריקען די ארבייטס און לעבענס־סטאנדארדס פון די ארבייטער אין די שעפער. די ברייטע מיטגלידערשאפט איז אבער געלונגען צו היטען זייער יוניאן און אלע אטאקעס פון די באסעס זענען צוריקגעשלאגען געווארען.

די יוניאן האט געצאהלט די סטרייקערס אין פארלויף פון גאנצען סטרייק אזוי הויך ווי 20 דאלאר א וואך סטרייק בענעפיט און אלע מיטגלידער האבען געצאהלט א סטרייק בענעפיט פון צעהן און פינף פראצענט פון זייערע וויידזשעס צו ערמעגליכען דער יוניאן אנצופיהרען די קאמפען. לעצטע וואך, נאכ'ן סעטלמענט פון די צוויי גרויסע סטרייקס, איז דער סטרייק צוריקגערופען געווארען. די יוניאן קומט יעצט צו זיך און די מיטגלידער קריגען אן כחות ווידערצושטעהן די אטאקעס, וועלכע די יוניאן ערווארט אין פארלויף פון די נעקסטע פאר חדשים.

דער סעטלמענט פון די צוויי סטרייקס האט אנגעמאכט א רושם אין גאנצען טרייד און די באסעס האבען יעצטענס געקראגען גרויס דרך ארץ פאר דער באנאז עמבראידערערס יוניאן לאקאל 66.

קלאוק מאנופעקטשורער גרייטען זיך צו א נייער מלחמה מיט דער יוניאן.

(שלוס פון זייט 1)

גערופען ווערען אזא מיטינג פון דער גאנצער אסאסיאיישאן, פון אלע זייערע מיטגלידער, וואו די זעלבע פראגען וועלען אויפגענומען ווערען, מסתמא מיט געוויסע רעקאמענדאציעס פון דעם עקזעקוטיוו באארד.

עס פארשטעהט זיך, דאס די אלע זאכען און פאסירונגען דארפען זיין א גוטער אנשטויס פאר די קלאוקמאכער צו נעהמען שארפען די כלי זין און זיך צו באזארגען מיט אמוניציע, ווארים עס שמעקט זעהר מיט קריג!

קודם כל מוז געשאפען ווערען, און טאקע באלד, דער גאנצער מיליאן דאלאר פארטיידיגונגס פאנד. ווי ברודער קאפלאוויטש, דער טרעזשורער פון דער קלאוקמאכער יוניאן, גיט אונז איבער, איז עס, נאכ'ן שאפ־טשערמאן־מיטינג אין קופער יוניאן געווארען א סך ריהריגער ביים צאהלען דעם 20 דאל. אסעסמענט פאר דעם פאנד. געלדער קומען אריין, אבער עס האלט נאך גאנץ ווייט פון דעם מיליאן דאלאר. און דער מיליאן דאלאר פארטיידיגונגס פאנד מוז זיין קאמפליט אין די נעקסטע פאר וואכען, אונטער אלע אומשטענדען. עס קענען ניט גילטען קיינע תירוצים — דער מיליאן דאלאר פאנד מוז זיין אין דער קאסע פון דער יוניאן אין די נעקסטע פאר וואכען. מיר גלויבען, אז די קלאוקמאכער פארשטעהען די לאגע אויסגעצייכענט און זיי וועלען געוויס מאכען אלע אנשטרענגונגען דעם טעקס פאר דעם פאנד איינצוצאהלען אזוי גיך ווי מעגליך, טאקע אין די נעקסטע פאר וואכען. זאלען אלע מיטגלידער פון דער יוניאן טאן זייער פליכט אין דער באציהונג, און טאקע שוין.

לײדיס טײלארס, סאמפעל מאכער און אלטערײשאן ארבײטער יוניאן לאקאל 3

אױפמערקזאם!

וואהלען פאר דעלעגײטען צו דער זעכצענטער, צוויי־יעהריגער קאנווענשאן פון דער אינטערנעשאנאל, וואס וועט זיך עפענען אין קליוולאנד דעם 1טען מאי, 1922, וועלען פארקומען דעם

שבת, דעם 1טען אפריל, פון 12 ביז 5

אין ברייענט האלל, 725 6טע עוועניו.

עס איז אין די אינטערעסען פון יעדען מיטגליד זיך צו באטייליגען אין די וואהלען און העלפען ערוועהלען די בעסטע פאסענדע פערזאנען, אלס דעלעגאטען צו דער קאנווענשאן. די נעקסטע קאנווענשאן וועט זיין זעהר א וויכטיגע. עס וועלען דארפען באשטימט ווערען וויכטיגע פראגען און פאליסים פון דער יוניאן.

די פאלגענדע פערזאנען זיינען די קאנדידאטען ארויף'ן באלאט:

1. לעפקאוויץ, ס.
2. אבראמאוויץ, נ.
3. ראזענפארב, פ.
4. בערגאוזאי, נ.
5. דזשייקאבס, י.
6. קראוויטץ, א.
7. פיק, א.
8. כאזאנאף, ב.
9. בערנשטיין, א.
10. גאטליב, ס.
11. רעיך, י.
12. רובין, ד.
13. ווילקינס, נ.
14. קארפ, ה.
15. זעליגמאן, וו.
16. וואלאוויק, ה.
17. סענטער, ר.
18. טארטשינסקי, א.
19. פאסט, טשאס.
20. פיטשערסקי, ס.
21. פענסטער, ב.
22. גערצסיטאנא, ד.
23. דרעזינסקי, ס.
24. קוירטין, מ.
25. בערדין, ה.
26. פארמאנסקי, נ.
27. באוך, ה.
28. שווארץ, ד.
29. שוכמאן, נ.
30. העקער, א.
31. ווערטהיימער, מ.
32. שוואגער, ל.
33. שמעטערער, ווס.
34. גודמאן, ס.
35. מאנגאוויטא, פ.

שטימען וועלען קאנען בלויז די מיטגלידער, וואס זיינען הינטערשטעליג אין זייערע דיוס ניט מעהר ווי 13 וואכען.

מיט ברודערליכען גרוס,

ס. לעפקאוויץ, מענעדזשער־סעק.